STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00338

FUN ALDOS GUTS

A. Lutzky

Permanent preservation of this book was made possible by
Maurice A. Braun
in memory of
Esther Braun

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון אלדאס גוטס

ארויסגעגעבן פון

א. לוצקי בוך קאמיטעט

עקזעקוטיווע :

יצחק פינקעל — פארזיצער פון לוצקער ברענטש 583 א.ר.

ש. באנטשעק — וויצע פרעז. א.נ.א.פ.

אהרן קארלין — רעדאקטאָר פון זשורנאל „די פעדער".

א. לוצקי

פון אלדאס גוטס

דאָ אין בוך געפינט זיך:
פּאָעזיע, פילאָזאָפיע, עסייען, נאָוועלן,
פּאָרטרעטן, הומאָר און סאטירע

פארלאג „די פעדער"
1958

A. LUTZKY

FUN ALDOS GUTS

Copyright 1958
by Yetta Zucker-Lutzky
3755 Oceanic Avenue,
Sea Gate, Brooklyn, N. Y.

Printed in U.S.A.

א. לוצקי

געזאַנג צו א. לוצקי

דאָס וואָרט — שפּיציק,
דער געדאַנק — בליציק,
טיף, אין־סופ׳יש —
פילאָסאָפיש.

סטרונענדיק־דין,
שאַרפער זין.
געזאַנג און געווין —
יאָ און ניין.

טייל לידער פאַרגייען —
ווי פאַראַיאָריקע שנייען,
נאָר נישט
דיין ליד.

עס טויכט און לויכט
און די הייכן.
בלויז דער פּאָעט
פון גאָט געבענטשט —
קאָן עס דערגרייכן.

מ. ליליען — „טאָג" 1956

א. לוצקי

פון וואַנען

— פון וואַן קומט דער ייד ?
פון וועלכן יאַריד ?
— ער קומט פון פאַרנאַס,
אויף זיין פלינקן פעגאַן,
אין אַ פלינקן גאַלאָפּ,
טיפּ־אַ־טאָפּ, טיפּ־אַ־טאָפּ,
טיפּ־אַ־טאָפּ, טיפּ־אַ־טאָפּ,

אַ זאַק אויף די פּלייצעס
געבראַכט האָט דער יידאָ.
גיט מען עס אַן אַן עפן —
„געלעכטער" און ליד :

„אַ ווינט מיט אַ רעגן
באַפאַלן אַ מיידל",
און פליקן די צעפּ איר
און רייסן דאָס קליידל.

„אַ פאַרהייראַטן קנעפל"
איז אומעטיק — אַ מורא ! —
אַלעמאַל, „אַלעמאָל,
די זעלביקע סחורה..."

„אַ פאָרהאַנג צערעדט זיך"
מיט ווינטיקע סיבות.
„ביים אָפענעם פענסטער"
„טשיקאַווע ליבעס".

פון אלדאס גוטס

„אַ באָרד וויל אַנטלויפן״
און רייסט זיך אַ מורא! —
משמעות — וויל הערן,
„דער רבי זאָגט תורה״.

„אַ פאָרהאַנג קאָןריידן?
אַ באָרד קאָן דען לויפן?
ווי קאָן עס געמאָלט זיין,
אויף וואָס פאַר אַן אופן?״

ווי קאָן עס געמאָלט זיין?
אָט האָט איר דעם פירוש;
גאַנץ פשוט, ער טוט עס —
מיט דעם — שם המפורש.

יעקב מאַרינאָוו
פרייע אַרבעטער שטימע

דער פּאָעט א. לוצקי

נאָך אידער געבאָרן —
אַ פּאָעט שוין געוואָרן.

פון הימל אַראָפּ
מיט קרוין אויפן קאָפּ.

שוין אַ טאַלאַנט —
מיט פעדער אין האַנט.

תמימות׳דיק ערנסט
באַטראַכט ער די וועלט:
באַזינגט ער וואָס ס׳איז דאָ,
און באַוויינט וואָס עס פעלט...

זיין לערער — נאַטור;
דאָס לעבן — קולטור...

צו אים רעדט דער הימל;
צו אים רעדט די ערד.

ער זעט און ער הערט,
אַז אַלץ האָט אַ ווערט:

אַ פליג כאַפּט אַ טרונק,
און אַ פלי מיט אַ שוואונג;

אַ פּאָעט האָט אַ צוועק:
אַ שרייב און אַ מעק...

אַ „יאָ" מיט אַ „ניט" —
און ער האָט שוין אַ ליד.

ער שרייבט שיינע זאַכן,
פון וויינען און לאַכן...

אַ שיינע נשמה
פון הימל געגעבן;

זיין רייכע נשמה
באַצירט אונדזער לעבן.

שניאור זלמן אש

„אמעריקאַנער" 1955

א. לוצקי אונדזער שטאָלץ

א. לוצקי — אַ מיטעלער געוואוקס,
אָבער גרויס אין פּאַרנעם.

אַ פּאַרקלערטער געשטאַלט,
הויבט ער אָן עפּעס זאָגן —
שיינט די זון אויף אים באַלד.

א. לוצקי מיט זיין פּען —
מאָלט אַ פּאָרטרעט.
דאָס „שטיקל פּאַפּיר" ביי אים רעדט...

א. לוצקי

ער שטעלט פאָר אַ קאָמעדיע,
זיין שפּראַך — די יידישע ענציקלאָפּעדיע...

ער שרייבט זיינע לידער אין „טאָג",
אָפּט אַ געזאַנג
מיט אַ טרויעריקן זאָג...

לייענען לוצקי'ס לידער —
דאַרף מען כאַפּן דעם מיין.
מער צווישן די שורות —
דאַרף מען פאַרשטיין.

דער גרעסטער, דער בעסטער,
אימפּראָוויזאַטאָר, רעציטאַטאָר,
איז לוצקי אַליין.

דער עולם קוועלט —
ווי לוצקי רעדט.
לוצקי אונדזער שטאָלץ;
נומער איינס פּאָעט...

אהרן קרוגלער
„טאָג", מאַי 10, 1956

צו א. לוצקי

איך לייען דיך א. לוצקי,
איך בלעטער דיין בוך.
מיט שטוינונג פאַרכאַפּטער
איך נישטער, איך זוך;

אַט דוכט פון אַ גרעזל
אַ שטים קלינגט אַרויס,
פון נישטיקן בלעזל
אַ ים שפרייט זיך אויס.

אַ וועלט מיט גאָט'ס ברואים
באַפעלקערט די ערד:
אַ זאַמדל, אַ שטויבל,
אַ פירער עס ווערט.

אַ מילב איז אין ציטער,
אין פחד אַ שטרוי,
אַ בלימל זאָגט ווידוי,
אַ פויגל שרייט — אוי!

דער מענטש איז אַ גלייכן —
קיין יחסן נישט מער,
ניטאָ נפקא מינה
פון וואָס און פון ווער.

ניטאָ קיין ריווחים
אין סדר פון בייט,
ווייל גלייכע יחסנים
איז אַלץ ביי דער צייט.

דר. א. י. פּרעס

דער דיכטער א. לוצקי

עס מעג זיין די גאַס גרוי און טונקל,
און דער הימל פון וואָלקנס שוואַרץ —
נאָר ווען דיין ליד דערשיינט פאַר מיר,
ווערט מיט ליכט אָנגעפּילט מיין האַרץ.

כאָטש דיין ליד איז זייער קורץ,
כמעט ווי מיט דער פּען אַ קריץ,
נאָר עס פלאַמט אַרויס פון יעדן אות,
ווי פון אַ דונער אַ פייער בליץ.

איך שיק צו דיר מיינע ברכות,
דו ביזט פון גאָט געבענטשטער פּאָעט.
ווייל דו ביזט איינער פון די גרעסטע,
אויף דעם מאַך איך מיין געוועט.

לואיס ראַדיצקי
גערדרוקט אין „טאָג" „קרומער שפּיגל"
אויגוסט 26, 1956

ווי א. לוצקי שאַפֿט

ער קלייבט און שלייפֿט — וואָרט נאָך וואָרט,
שטעלט זיי באַנאַנד זייט ביי זייט,
און געשאַפֿן איז אַ שורה
פֿול מיט וואַגיקער באַדייט.
ער מאַכט פֿון אַלץ אַ וועזן,
פֿון קלענסטן ביזן גדול.
איר קאָנט ביי אים אויך הערן —
דער פֿאַדים זאָגט דער נאָדל.

ער לעבט אויף טויטע זאַכן,
די זאַכן ווײַנען לאַכן.
אַלע זיי באַלעבט ער,
הכמה פֿון זיי שעפּט ער.

אַ גריבעלע אין פֿעלד.
נעבעך אַן עקרה;
ווערט באַגליקט זי בערגלדיק,
ווי די מוטער שרה...

אין טאָפּ אַ פֿאַסאָליע,
שטעלט פֿאַר מענטשנס דאָליע.
אַ קנעפּל טרוימט פֿון „גט",
איר גלויבט נישט? —לעזט און זעט.

ער ליבט צו שאַפֿן פֿריילעכקייט,
באַווייזט ער יעדנס מינע;
לאַכט אויך דער באַטרעפֿנדער,
ווייל לוצקי שאַפֿט אָן שנאה...

ג. ה. גאַרווין

געדרוקט אין „אַמעריקאַנער" פֿעבר. 13, 1956

א. לוצקי

אַ בילד פון דעם „בילדער" א. לוצקי

לוצקי איז אַ בויער,
מיט ווערטער־מאַטעריאַל.
פון אייגן אויג און אויער,
געזאַמלטע — אַ שלל!

דער אַרכיטעקט אַליין —
ווי אַזוי זעט ער אויס?
כאָטש אין וואוקס נישט קליין —
דאָך האַלט ער זיך נישט גרויס.

פון וואָרט־בוי אַ מייסטער,
ער נעמט אין האַנט זיין פען —
און פאַר אונדז באַווייזט ער,
וואָס ער, א. לוצקי, קען...

און זיין ליד איז אויסגעדריקט,
מייסטנס קלאָר און שיין.
נאָר טיילמאָל איז עס סודות׳דיק,
און שווערלעך צו פאַרשטיין...

כאָטש אַ שפּראַך פאַרמאָגט ער,
מיט ווערטער — אַ פאַרמעג.
אויב עפּעס נישט דערזאָגט ער,
פאַרטיף זיך און דערלעג...

א. י. מענטשער
געדרוקט אין „טאָג" „קרומער שפּיגל"

פ ו ן א ל ד א ס ג ו ט ס

א געזאנג צו א זינגער

איך האָב געהאַט עלית נשמה
ווען דו האָסט מיט רייד
פון גלויבן —
דערהויבן און צעגליט
מיין עלענד געמיט.

פאַר דיר, חבר לוצקי איז אַלץ אַ זאַג,
אַ קלאַנג, אַ געזאַנג.

אַז די שטרוי איז אַ שיר,
און דאָס שטיקל פּאַפּיר
מיט פאַלעס צעשפּרייט
טאַנצט פאַר פרייד.

אַז אַלץ אַרום איז פול מיט זשום,
מיט שום און טרוים.

אַ רעגן אויפן שויב —
אַ דערהויב, אַ הימען, אַ לויב.

אַ פּשוטער שטיין איז אויך אַ טעמע
פאַר לוצקי'אַנער פּאָעמע.

צו דאַנק איך דיר
מיין ליבער בן־עיר,

דו, דיכטער, פילאָזאָף;
דו גיסט מיר דערוועקונג
און מוט אָן אַ סוף.

יהושע וואלאך, „טאָג״

א. לוצקי און זיין דיכטונג

לוצקיס לידער פון „בראשית"
ביז זיין נייעם ,בוך צום לעבן",
זענען זאַפטיק, מייסטערהאַפטיק,
נאָר ווי לוצקי קאָן דאָס געבן.

און געשמאַק איז זייער טעם,
כאָטש נישט תמיד גראַמט אַ גראַם,
„שיר השירים", „אַדיר הדירים",
פילאָזאָפיש און סופ׳יש...

יעדעס וואָרט זיינס האָט אַ מיין,
אויסגעשטעלט מיט לוצקי־חן;
דעם געדאַנק? דעם „על כן"? —
זיי נישט פויל, פאַרשטיי אַליין!

גיט ער שפּראַך אַ טויטער זאַך,
ווערט עס פול מיט לעבן.
און עס וואַכט און טראַכט און לאַכט,
מופתים פונעם רבי׳ן...

לויפט זיך ווינט אין אַ גאַלאָפּ,
יאָגן זיך די כמאַרעס:
און די ווינטן אויף די רעגנס
קלינגען ווי גיטאַרעס.

לוצקי׳ס דיכטונג האָט אַ ריכטונג,
שכל מיט נשמה.
און די מענטשן לויבן בענטשן
גאָט פאַר זיין מתנה.

מאיר וועלטמאַן

געדרוקט אין „טאָג", אויגוסט 17, 1951.

א. לוצקי

ווער איז לוצקי?

דאָס איז לוצקי:
אַ מדרש אויף וועלט,
אַ רש״י אויף „תוהו״.
אַ טייטש אויפן מענטש,
אַ פירוש אויף „ובוהו״.

ער שפּאַלט נישט קיין בערג,
פאַרשיט נישט קיין תהום׳ען,
ער טייטשט בלויז די וועלט
פון זיין ליבן נאָמען.

אַ קול דממה דקה,
און תפילה צום באַשאַף.
צום שטויבל, צום גרעזל, —
אין פרומסטן פאַרגאַף.

ער פראַוועט נישט קיין חצות,
און קיינע סיגופים.
זיין וואָרט איז לויטער,
סע ליגט נישט אין צירופים.

ער פלאָגט נישט מיט פחד,
ער פילט מיט דעם מענטש.
די וועלט איז פאַראומערט;
פּאָעט דו בענטשסט!

אַ לייענער

„טאָג מאָרגען זשורנאַל״, אַפּריל 2, 1957.

ווענו א. לוצקי

פון אלדאָס גוטכ

א. לוצקי (אהרן צוקער)

באַלד ווי אהרן צוקער (שפּעטערדיקער א. לוצקי) האָט פאַר־עפנטלעכט זיין ערשטע ליד אין אַמאַליקן „טאָגעבלאַט", האָט ער זיך באַוויזן אין דער קאַפע, וואו די יידישע שרייבער פלעגן זיך צוזאַמענקומען.

ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען אין דער קאַפע, האָט דער באַ־רימטער דיכטער אברהם רייזען אים צוגערופן צו דעם טיש, וואו ער איז געזעסן מיט נאָך שרייבער און אים באַקאַנט מיט זיי. לויבנדיק זיין ליד, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „טאָגע־בלאַט". מיין דאַמאָלטדיקע באַקאַנטשאַפט מיט אים האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פריינטשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז זיין אָפּשייד פון דער וועלט. די באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען אין יאָר 1917.

אין יענער צייט האָט ער, אהרן צוקער, געוואוינט אַלס „באָר־דער" ביי דעם דיכטער י. אַדלער, וואָס האָט שוין דאַן געאַרבעט אין „פאָרווערטס" און געוואוינט אין ראַדני סטריט, וויליאַמס־בורג, ברוקלין. אָבער אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט אַדלער גע־קויפט פאַר זיך אַ הויז אין איסט 43סטע סטריט, איסט פלעט־בוש, וואוהין ער, אהרן צוקער, האָט זיך מיטגעצויגן מיט אים. און איך, דאַן נאָך אַ בחור, האָב זיך צוליב אים און צוליב אַדלערן, מיט וועמען איך בין געווען אַ נאָענטער פריינט שוין לאַנגע יאָרן פריער, זיך אויך אַריינגעצויגן צו אַדלערן אַלס „באָרדער".

ביי אַדלערן אין הויז פלעגט ער, אהרן צוקער, פאַר אונדז פאָרלייענען זיינע לידער — און פאַרלייענען האָט ער געקענט — ביז איינמאָל האָט אַדלער גענומען זיינע אַ פּאָר לידער צו טראָגן צום רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", אב. קאַהאַן. ווען אב. קאַהאַן האָט איבערגעלייענט די לידער, האָט ער געזאָגט צו אַדלערן אַז

א. לוצקי

ער וויל זען דעם דיכטער פון די לידער פארזענלעך, אין דער רעדאקציע פון „פאָרווערטס".

ווען אהרן צוקער איז געקומען אין דער רעדאקציע פון „פאָר־ווערטס", האָט אים אב. קאַהאַן אויסגעפרעגט ווער ער איז, וואָס ער טוט, פון וואַנען ער קומט און אז.וו. ענטפערנדיק אים, אב. קאַהאַנען, אויף אַלע פראַגן האָט ער אים געזאָגט אַז ער, אהרן צוקער, קומט פון לוצק. דאָ, האָט אב. קאַהאַן געזאָגט צו אים: אייער נאָמען אויף אייערע לידער אין „פאָרווערטס" וועט זיין א. לוצקי. דער „פאָרווערטס" דרוקט ניט קיין נאָמען פון אַ שרייבער וואָס האָט זיך געדרוקט אין אַן אַנדער צייטונג. אַזוי איז געוואָרן פון אהרן צוקער — א. לוצקי.

יעדן שבת פלעגט אין „פאָרווערטס" דערשיינען אַ ליד פון א. לוצקי און יעדן זונטיק פלעגט אין זעלבן „פאָרווערטס" דערשיי־נען אַ ליד פון דעם באַרימטן דיכטער אברהם רייזען, וואָס האָט דאַן אויך מיטגעאַרבעט אין „פאָרווערטס", אָבער ביידע דיכטער זיינען, חלילה, ניט געווען קיין קאָנקורענטן — א. לוצקי האָט צו־פיל פאַרערט דעם באַרימטן דיכטער אברהם רייזען צו זיין אויף אים אייפערזיכטיק. פאַרקערט, זיי זיינען געוואָרן גאָר נאָענטע פריינט.

א. לוצקי האָט אָבער ניט געהאַט קיין צופיל נחת פון זיינע לי־דער וואָס ער האָט געדרוקט אין „פאָרווערטס". די דיכטער פון יענער צייט, וואָס זיינען געגאַנגען אונטערן נאָמען: „יונגע", האָבן אים, לוצקין, ניט געוואָלט אנערקענען און אויך אָפּגעלאַכט פון זיינע לידער. זיי קריטיקירט, אַז זיי זיינען נאָכאַמונגען נאָך אברהם רייזענס לידער.

כאָטש אברהם רייזען אַליין פלעגט אים פאַרטיידיקן און זאָגן אַז ער זעט אין לוצקין אַ צוקונפטיקן אָריגינעלן דיכטער.

אין 1918 איז לוצקי געוואָרן גענומען אין דער אַמעריקאַנער

אַרמיי. איידער ער האָט פאַרלאָזן ניו־יאָרק, האָט ער איבערגע־געבן זיינע אַלע געדרוקטע לידער פון „פאָרווערטס" צו זיין פריינט אברהם רייזען ער זאָל זיי פאַר אים אַרויסגעבן אין בוך־פאָרם, וואָס ער האָט אים פאַרשפּראָכן צו טאָן. אברהם רייזען האָט זיינע לידער טאַקע אָוועקגעגעבן צו אַ דרוקער, אָבער די לידער זיינען אין בוכפאָרם קיינמאָל ניט דערשינען. אפשר דער־פאַר, ווייל לוצקי האָט פון די טרענטשעס געשריבן צו אברהם רייזען: „נאָך אַזאַ מלחמה דאַרף מען שרייבן אַנדערע לידער ווי מען שרייבט איצט". ווען לוצקי איז צוריק געקומען פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי אין איראָפּע, האָט אברהם רייזען אים צוריק געגעבן די גאַלי־פּרואוס פון זיינע אויפגעזעצטע לידער, אָבער אויך ער האָט זיי ניט אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם.

ער האָט שוין אָנגעהויבן שרייבן אַנדערע לידער.

ווען לוצקי איז צוריק געקומען האָט דער זשורנאַל „די פעדער" וואָס איך האָב, צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַספּיראַנטן געגרינדעט אין יאָר 1919, שוין עקזיסטירט עטלעכע מאָנאַטן. איך בין, פאַרשטייט זיך, געווען דער רעדאַקטאָר, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס איך בין געווען אַ לײדיקגייער, אַז אַ פּראָפעסיע, דערצו באַקאַנט צווישן שרייבער און אַ רעדאַקטאָר ווערט שוין פון דער סיטואַציע אַליין אַן אויטאָקראַט. די מערסטע מיטגלידער פון דער גרופּע אַספּיראַנטן האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער אַמביציע מיטן אַרויסגעבן דעם זשורנאַל „די פעדער", ווי בלויז אַלס אַן אָרט וואו אָפּצודרוקן זייערע אייגענע שאַפונגען. איך האָב אָבער געהאַט אַן אַמביציע צו מאַכן פון דעם זשורנאַל „די פעדער" אַן אַלגעמיינעם ליטעראַרישן זשורנאַל און האָב איינגעלאַדן אויך אַנדערע שרייבער מיטצואַרבעטן אין דעם זשורנאַל, עלטערע ווי נייע שרייבער.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויך איינגעלאַדן א. לוצקין מיט־

צוארבעטן אין דער „פעדער". זיינע נייע לידער, וואס ער האט אנגעהויבן שרייבן, האט דער „פארווערטס" און די אנדערע צייטונגען ניט געוואלט דרוקן, אבער פאר דער „פעדער", אלס א זשורנאל פאר די נייע, טאלאנטפולע יונגע שרייבער, זיינען זיינע לידער געווען פונקט די ריכטיקע סחורה. זיין יעדע ליד וואס איז אפגעדרוקט געווארן אין דער „פעדער" האט ארויסגערופן באוואונדערונג ביי די שרייבער און ביי די בעסערע לייענער. אבער אויך פון זיינע נייע לידער האט ער ניט געהאט קיין נחת — די נייע יונגע דיכטער, וואס האבן זיך א נאמען געגעבן „אינזיכיסטן" (די מערסטע פון זיי האבן זייערע ערשטע לידער געדרוקט אין דער „פעדער") האבן אים ניט געוואלט אנערקענען. זייער רוגזה קעגן לוצקיס ארט לידער איז אזוי ווייט געגאנגען, אז אייניקע פון זיי האבן געקלאפט אין טיש, אין קאפע „יוראפא", „מען טאר אזעלכע לידער, ווי זיינע, ניט דרוקן אין קיין ליטערארישן זשורנאל!"

אז לוצקי האט יענע צייט געליטן עגמת־נפש פון דעם, איז צו זען פון זיינעם א נאטיץ אין א ביכעלע אויף וועלכן איך בין געקומען, בלעטערנדיק זיינע מאטעריאלן, זוכנדיק אנווייזונגען בעת ארויסענדיקן זיין לעצטן בוך לידער, וואס ער האט אריינגעגעבן אין דרוק, איידער ער איז אוועק פון אונדז.

אין דעם נאטיץ שרייבט ער:

„די יונגע פאעטן האבן געהאלטן מיינע לידער פון פאר דער מלחמה, פאר צו אלט און די לידער פון נאך דער מלחמה פאר צו יונג, צופיל ניי. עפעס שרייב איך ניט ווי מען שרייבט, האבן זיי געטענהט. וואס הייסט א בחור דערלויבט זיך אזעלכע אנדערשקייטן! . . ."

אבער טאלאנט ווערט דאך אנערקענט.

דער זשורנאל „די פעדער", וואס האט געדרוקט לוצקיס לידער,

האָט דערגרייכט צו דעם באַרימטן ליטעראַטור־קריטיקער בעל־מחשבות און איז אַ בריוו פון אים צו דעם י. ל. פּרץ פּאַראיין אין ניו־יאָרק, וואָס איז פּובליקירט געוואָרן אין אַלע יידישע טעגלע־כע צייטונגען, שרייבט ער: „גיט איבער אַ גרוס צו דעם וואונ־דערלעכן דיכטער א. לוצקי, וועמען איך לייען אין דער „פעדער״.

איבעריק צו זאָגן אַז דער גרוס פון בעל־מחשבות האָט שטיל געמאַכט די לייקענער פון לוצקיס טאַלאַנט און געעפנט אַלע געלעגנהייטן צו דרוקן זיינע לידער און אימפּראָוויזאַציעס, אין דער „צוקונפט״ אונטער א. ליעסינס רעדאַקציע, אין די זאַמל־ביכער „שריפטן״ א.אז.וו.

צו לוצקיס לויב, דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז ער האָט זיך ניט אָפּגעריסן פון מיר, דאָס הייסט פון דער „פעדער״, צוליב די גרויסע לויבררייען וואָס ער האָט אָנגעהויבן קריגן, ווי אַנדערע דיכטער, וואָס האָבן געמאַכט זייער דעביו אין דער „פעדער״ און זיינען אַוועק פון איר, ווי נאָר עמיצער האָט זיי געזאָגט אַ גוט וואָרט אויף זייערס אַ זאַך, ניט אַזוי לוצקי. לוצקי האָט גע־דרוקט זיינע לידער אין דער „פעדער״ כמעט אין יעדן נומער וואָס איז דערשינען ביז אין לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

און ניט דאָס אַליין.

אָט האָב איך צווישן זיינע פאַרצייכענונגען באַמערקט אַ נאָטיץ, וואָס איז ניט צו פאַרשטיין, צי ער האָט דאָס פאַרצייכנט פאַר זיך אַליין צו געדענקען, צי ער האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל אַז עמיצער אַנדערש וועט דאַרפן פאַרענדיקן זיין בוך לידער פון דרוק אַרויס.

דער נאָטיץ לייענט זיך:

„צוצושטעלן צו אהרן קאַרלינס פּאָרטרעט, אין סאַמע אָנהויב: אהרן קאַרלין איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געוואָגט

אויף זיינע אייגענע מבינות, צו דרוקן מיינע נייע לידער, ווען איך בין צוריק געקומען פון די „טרענטשעס" אַלס סאָלדאַט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי".

ניט אַלע דיכטער, וואָס האָבן געדרוקט זייערע ערשטע לידער אין דער „פעדער" האָבן געהאַט דעם גרויסמוט דאָס צו אָנער־קענען, ווי א. לוצקי.

זייער ווייניק מענטשן האָבן, גלויב איך, געוואוסט אַז ער, לוצקי, האָט געזען בלויז אויף איין אויג. און אַט וואָס לוצקי האָט מיר דערציילט: פאָרנדיק אויף דער שיף וואָס האָט אים געפירט שוין אַהיים פון די טרענטשעס, האָט זיין סאַרדזשענט אים גע־געבן אַ קלאַפּ אין אַ אויג, אין וועלכן עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ „קאַטעראַקט" און ער האָט מער אויפן אויג ניט געזען. ער, לוצקי, האָט אַפילו אָנגעשריבן אַ ליד וועגן דעם קלאַפּ אין אויג, וואָס ער האָט באַקומען פון „סאַרדזשענט" און דאָס ליד איז געווען אָפּגעדרוקט אין איינעם פון די נומערן „די פעדער" פון יענער צייט. אין יענעם ליד דערמאָנט ער אַפילו דעם נאָמען פון סאַרדזשענט. לוצקי האָט אָבער ניט געקלאָגט די רעגירונג פאַר „שאָדנערזאַץ", וואָס איז אים זיכער געקומען.

אין זיין ליד, צי אימפּראָוויזאַציע טעפּ, אָדער די פּאַסאַליעס וואָס קאָכן זיך אין טאָפּ, איז געמאָלן די מלחמה, ווי ער האָט זי איבערגעלעבט. זיין איבערלעבן די מלחמה האָט, פאַרשטייט זיך, געווירקט אויף אים צו שרייבן אַנדערע לידער ווי די געוויינלע־כע, וואָס די דיכטער וואָס האָבן ניט דורכגעלעבט קיין מלחמה, שרייבן. כדאי צו באַמערקן אַז אויך דער אַמעריקאַנער דיכטער וואָלט וויטמאַן האָט אָנגעפאַנגען שרייבן אַנדערע לידער נאָכ־דעם ווי ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה צווישן די שטאַטן. דער וואונדער איז, וואָס קיינער פון די קריטיקער, וואָס האָבן געשריבן וועגן לוצקיס לידער, האָבן דעם פאַקט אינגאַנצן ניט

גענומען אין אַכט. און דאָס איז ניט זייער איינציקער פאַרזען אין זייער שרייבן וועגן א. לוצקי. זיי האָבן, אַשטייגער, זיך ניט געגריבלט אין לוצקיס אָרט לעבן, פון וואָס ער האָט געצויגן זיין חיונה? א.אז.וו.

נאָכדעם ווי ער, לוצקי, איז צוריק געקומען פון די „טרענטשעס", האָט ער ניט געהאַט פון וואָס צו לעבן. קיין פאַך האָט ער ניט געהאַט און ניט געוואָלט האָבן. און לעבן האָט ער געדאַרפט. צו ערשט האָט ער געקראָגן אַ שטעלע ביי אַ פירמע וואָס פאַרקויפט כשרע אויל צו יידישע שפּייז קראָמען. לוצקי האָט געדאַרפט אָנפילן די פלעשלעך מיט אויל און אַרומגיין צו יידישע שפּייז קראָמען פאַרקויפן די פלעשלעך אויל.

אַביסל שפּעטער האָט ער געקראָגן אַ שטיקל שטעלע אין א אַרבעטער רינג שולע צו לערנען די קינדער שפּילן פידל און אויך געבן פּריוואַטע שטונדן צו לערנען קינדער שפּילן פידל.

אין יענער צייט פלעגט לוצקי, באַלד נאָכן אָפּגעבן זיינע שטונדן צו לערנען שפּילן פידל, זיך באַווייזן אין דער שרייבער קאַפע, זיך זעצן ביים טיש וואו דער דיכטער אבדהם רייזען איז געזעסן און באַלד ווי זיין טבע איז געווען, נעמען מאַלן כאַראַקטערן, פאַרשטעלן טיפּן, פון וועלכע חברה פלעגן שטאַרק הנאה האָבן. דערהויפּט פלעגט אים רייזען שטאַרק ליבן און מוטיקן אים זיי אויפצושרייבן און זיי דרוקן. אַזוי זיינען, שטיקלעכווייס, געבוירן געוואָרן: „ביים רבינס טיש", „אַ חתונה אין שטעטל", און אַז. וו. דער עולם האָט נאָך ניט געוואוסט אַז דאָס זיינען „אימפּראָוויזאַציעס".

איינמאָל איז איינגעפאַלן איינעם אַ יידן, וואָס פלעגט ליב האָבן צוצושפּאַרן זיך צום טיש וואו לוצקי איז געזעסן און געפּראָוועט זיינע „שטיק", אַז מען דאַרף אָט דעם טאַלאַנט, לוצקיס, מפרסם מאַכן. גערעדט און געטאָן. מען איז אַוועק צום

בראָדוויי סענטראַל האָטעל, געדונגען אַ גרויס צימער, אַריינ־געגעבן אַנאָנסן אין די טעגלעכע צייטונגען, איינגעלאַדן די פּרע־סע מענטשן, די אַרטיסטן און די „פאָרשטעלונג“ איז פאָרגעקומ־מען מיט דערפאָלג.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען דערשינען אין די צייטונגען אַר־טיקלען מיט גרויס לויב וועגן לוצקיס אַרטיסטישן טאַלאַנט צו מאָלן טיפּן און סיטואַציעס, אָבער דר. מוקדוני האָט אין אַן אַר־טיקל אין „מאָרגן זשורנאַל“ וועגן לוצקיס טאַלאַנט אים באַ־צייכנט אַלס אימפּראָוויזאַטאָר. די טיפּן און סיטואַציעס מאָלע־רייען אַלס אימפּראָוויזאַציעס, און אַזוי איז געבליבן — אימ־פּראָוויזאַציע.

נאָך מער לויב האָט לוצקי געקראָגן פאַר זיינע אימפּראָוויזאַ־ציעס, כאָטש ניט אָפיציעל, פון די בינע קינסטלער: רודאָלף שילדקרויט, גרעטאַ מייער, דזשעני וואַליער, יעקב אַדלער, מאָריס שוואַרץ און אַנדערע. זיי האָבן אים פשוט מקנא געווען פאַר זיינע זשעסטיקולאַציעס, האַנט באַוועגונג א.אז.וו. לוצקי איז אָבער קיין אַקטיאָר ניט געוואָרן — זיכער דערפאַר ווייל ער האָט ניט געוואָלט נאָכרעדן עמיצנס אַנדערש ווערטער, נאָר אימפּראָ־ווּיזירן זיינע אייגענע ווערטער.

ווען לוצקי פלעגט דאַרפן אויפטרעטן מיט זיינע אימפּראָווי־זאַציעס, פלעגט ער אויסליידיקן פון זיינע קעשענעס אַלע זיינע זאַכן וואָס ער האָט דאָרט געהאַלטן: דאָס ביסל מינץ, דאָס זיי־גערל, די פאונטן־פּען — אַלץ וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט וואָס האָט דערמאָנט אין גשמיות, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו אַ הייליקער עבודה. די מטלטלים זיינע פלעגט ער אַריינלייגן אין אַ טאַשן טיכל און איבערגעבן צו זיינעם אַ ידיד, וועמען ער פלעגט געווינטלעך מיטנעמען מיט זיך צו זיינע אויפטריטן. ער פלעגט צאָלן יענעמס רייזע קאָסטן און אַנדערע אויסגאַבן אפילו אויף

לענגערע רייזעס וואו ער פלעגט דארפן אויפטרעטן אויף א קאנ־צערט, אדער א שמחה ביי אן ארבעטער רינג ברענטש, צי א צווייג פון נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד.

לוצקי פלעגט איבערהויפט ליב האבן עמיץ זאל מיט אים מיט־גיין, מיטפארן און תמיד געפונען אזעלכן. ארום די שרייבער, ווי ארום די אקטיארן, האבן זיך תמיד געפונען פארערער זייערע. א. לוצקי האט געהאט אזעלכע פון ביידע סארטן.

א. לוצקי האט אויך געשאפן פאר זיך פארערער, ניט בלויז פאר זיין טאלאנט אלס דיכטער צי אימפראוויזאטאר, נאר פאר זיין העלפן איינעם וועז אין א נויט פינאנציעל, מיט קליינע סומען, לויט זיינע מעגלעכקייטן נאך, אפילו ווען יענער האט דאס ניט געבעטן ביי אים — לוצקי האט פארמאגט אזא חוש, אדער זע־קראפט צו זען אז יענער איז אין נויט. ער פלעגט, ניט זאגנדיק יענעם, ארייגלייגן אים אין דער אויבערשטער קעשענע פון זיין רעקל, א פאר דאלאר. אזוי ארום האט לוצקי אפשר צעטיילט מער געלט צו שרייבער און אויך צו פארערער פון שרייבער, ווי די מערסטע אנדערע שרייבער און דיכטער פון דעם קרייז, א חוץ, פארשטייט זיך, אברהם רייזען.

לוצקי איז איבערהויפט ניט געווען קיין קארגער. ער איז אפילו געווען, קאן מען זאגן, אן עגאאיסט. ער האט זיך אליין שטארק ליב געהאט. ער האט ליב געהאט קאמפארט און זיך נאכגעגעבן הנאה׳ס וואס פארשאפן פארגעניגנס. ער פלעגט האבן הנאה פון קויפן פאר זיך אלערליי צאצקעלעך און זיך שפילן מיט זיי ווי א קינד. ער פלעגט אפט באזוכן די גרויסע „דעפארטמענט סטארס״ און איינקויפן פארשידענע זאכעלעך, ווי: אדרעסן־ביכעלעך, פאונטענפענס, ביכעלעך אויף צו שרייבן נייע לידער, לעדערנע טאשעלעך א.אז.וו. קומען מיט זיי צווישן די שרייבער און זיך שפילן מיט זיי. ווען ער האט געזען אז א שרייבער האט שטארק

חשק צו איינע פון די צאַצקעלעך, האָט ער דאָס אים אָוועקגע־שענקט אַלס אַ מתנה.

ער פלעגט אויך ליב האָבן זיך שיין צו קליידן. זיך קויפן אָפט נייע אַנצוגן, נייע העמדער, אָנטאָן אַלע טאָג אַ נייע אויבער־העמד, איבערהויפּט אַזעלכע וואָס ניט אַלע שרייבער טראָגן.

געוואוינט האָט ער באַזונדער פון זיין משפחה, כאָטש ער איז ניט געווען צעקריגט מיט איר, נאָר ווייל ער האָט זיך געוואָלט פילן פריי, ווי אַ יאָגאַ, אָפּגעטשעפּעט פון די קייטן, וואָס האַלטן געפּענטעט.

געגעסן האָט ער אין קאַפעטעריעס און איז ניט געווען קיין איבערקלייבער אין עסן, אָבער ווען ער האָט געבראַכט אַ פּאָרציע צום טיש, פלעגט ער באַמערקן צו די זיצערס דערביי, געוויינט־לעך שרייבער: „זיי גיבן אַזעלכע גרויסע פּאָרציעס ווי פאַר סאָלדאַטן". ער פלעגט טאַקע האַלב פון דער פּאָרציע איבערלאָזן, אָדער בעטן אַ קאָלעגע מיט אים מיטצועסן. אָפּט אָבער, ווען ער פלעגט קויפן עוף, אָדער הון, און האָט ניט געקאָנט אויפעסן אינגאַנצן, פלעגט ער נעמען אַ סערוועטל און אַריינלייגן דאָס שטיקל עוף און באַהאַלטן אין זיין לעדערנער טעקע וואָס ער פלעגט שטענדיק טראָגן מיט זיך. דאָס האָט ער אָבער, פאַר־שטייט זיך, ניט געטאָן צוליב קאַרגשאַפט, נאָר ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער ווערן הונגעריק און ניט האָבן וואָס צו עסן, וועט ער ליידן הונגער און ליידן האָט ער איבערהויפּט ניט געקאָנט פאַרטראָגן.

א. לוצקי האָט געהאַט, דאָ אין אַמעריקע, אַ שוועסטער אין ברוקלין און צוויי ברידער אין דעטראָיט, אָבער ער האָט זיי זעלטן באַזוכט. מיט יאָרן צוריק, געדענק איך, בין איך מיט אים מיטגעפאָרן צו זיין שוועסטער אין ברוקלין, וויליאַמסבורג, צו וועמען ער האָט זיך, ווייזט אויס, געשעמט אַליין צו קומען.

פון אלדאס גוטס

געדענק איך ווי זיין שוועסטער האט זיך געקלאגט אויף אים פארוואס ער קומט ניט אפטער צו איר צו גאסט. צי ער האט נאכאמאל זי באזוכט בין איך ניט זיכער, ער האט קיינמאל וועגן דעם ניט דערמאנט. זיינע פלימעניקעס, דער שוועסטערס קינדער, פיינע יונגעלייט, פלעגן קומען צו די קאנצערטן, וואו עס פלעגט אויפטרעטן מיט זיינע אימפראוויזאציעס. זיי פלעגן זיך באגריסן מיט אים, אבער ער פלעגט ניט אפגעבן קיין צופיל צייט מיט זיי צו פארברענגען. ניט צו קיין משפחה און אוודאי ניט צו קיין לאנדסלייט האט אים געצויגן. זיין "היים", צו וואס עס האט אים געצויגן, איז געווען די מסיבה פון שרייבער און אפילו אזעלכע וואס האבן ליב שרייבער.

לוצקי איז געווען דער אמתער באהעם. צוליב דעם וואס ער האט געוואוינט אליין, פלעגט ער אפט זיצן אין די קאפעטעריעס, ספעציעל וואו שרייבער קומען זיך אפט צוזאמען, לאנגע שעהן אין די נעכט. טרעפנדיק זיך אפט מיט די זעלבע שרייבער, טרעפט אז איינער רעדט זיך ארויס מיט א שארף ווארט, א קיבעץ. אבער פון לוצקין האט קיינער, קיינמאל ניט געהערט קיין ביליק אדער בייז ווארט. אויב עס האט אמאל געטראפן אז איינער האט, ווי עס טרעפט זיך, אנגעפאלן אויף לוצקין צוליב עפעס, מיט זידל ווערטער, האט לוצקי יענעם צוריק ניט געענטפערט, פארשוויגן און זיך פארטראכט — זיך געוואונדערט ווי מענטשן קאנען זיין שלעכט און נאריש . . .

געוויינלעך אבער פלעגן די שרייבער און די פארערער פון שרייבער, וואס פלעגן באזוכן די קאפעטעריע וואו לוצקי פלעגט קומען (און א סך פון זיי פלעגן קומען צוליב דעם) פארברייינגען פריילעכע אוונטן דארטן, צוהערנדיק זיך צו לוצקיס גייסטרייכע געשפרעכן און באאבאכטן זיינע וואונדערלעכע אימיטאציעס. אבער דער קאנצערט־געבער א. לוצקי איז ניטא מער!

— אהרן קארלין

ל י ד ע ר
אַ ל ע ר ל י י

אפטיילונגען

לידער אַלערליי — 37
לידער וועגן זיך אַליין — 103
די לעבעדיק-טויטע וועלט — 137
לוצקיזמען
אונדזער פאָלק ישראל — 167
געזעלשאַפטלעכע לידער — 195
געזעלשאַפט און פּאָליטיק — 255
רעציטאַציעס — 266
הומאָריסטישע לידער — 273
ערשטע לידער — 295
ווי די קריטיקער האָבן זיך אָפּגערופן
אויף א. לוצקי׳ס שאַפונגען — 313

דער אינהאַלט פון בוך געפינט זיך אויף די לעצטע זייטן פון בוך

ווי דו זעסט...

ווי דו זעסט —
אַזוי איז.

זעסטו טיף —
איז עס טיף.
זעסטו פלאַך —
איז עס פלאַך.

ווי דו ביזט —
אַזוי איז.

ביזט אַ גוטער —
זעסטו גוטס.
ביזט אַ שלעכטער —
זעסטו שלעכטס.

ווער איז מענטש ?
דו.
ווער איז פאָלק ?
דו.
ווער איז וועלט ?
דו.

א. לוצקי

געבענטשט איז דער ערלעכער מענטש

דער פיינער מענטש
האָט ביידע וועלטן.

זיין לעבן באַקרוינט אים,
מען לויבט אים :

אַ לייטיש מענטש,
אַן איידעלער מענטש,
אַן ערלעכער מענטש.

זיין פטירה —
באַלוינט אים,
זיין כבוד באשוינט אים,
זיין שם באַשיינט אים :

געווען אַ צדיק...

דעם ערלעכן מענטש
באַגלייטן ברכות.

דעם פאַלשן מענטש
באַגלייטן קללות.

דער גוטער מענטש
איז געבענטשט אויף דורות.

דער ווימטער מענטש
איז פאַרשאָלטן אויף דורות.

פון אלדאס גוטם

אַ ליד פון ברי און שטאָך

1

אַ ברי.

די האַנט בשעת'ן ברי —
נישטאָ דאָ הי . . .

זי ווייסט נישט פון קיין ברי —
בשעת'ן ברי.

ערשט נאָכן ברי —
צעשאַלט די האַנט אַ שטום געוואַלד:
פאַרהאַלט !
אַ ברי באַפאַלט ! . . .

2

אַ שטאָך.

אַ שטאָך טוט ווי שוין נאָכן שטאָך,
און ניט בשעת'ן שטאָך.

בשעת'ן שטאָך באַגרייפט נישט מענטש
אַז אים איז שטאָך . . .

ערשט נאָכן שטאָך דערפילט דער מענטש:
אַ שטאָך?
אוי אַ בראָך ! . . .

אַ מענטש דערפילט נישט אין בשעת —
די צרעת . . .
דוקא שפּעטער, ווען ס'איז שפּעט —
שרייט דער ווייטיק זיין געבעט . . .

א. לוצקי

דיין גליק נעבן דיר...

ס'איז דאָ
אזא „איז"
אין דער לופט
נעבן דיר —
בלויז אַ ריר
מיט דער האַנט
און דו האָסט עס!

נאָר דער ריר
מאַכט דעם ווינט
וואָס פאַרבלאָזט עס
פון דיר —
און דעם „איז"
וואָס דו ווילסט —
דו האָסט נישט.

דיין וואונטש,
דיין באַגער,
און די פרייד
נעבן דיר —
נאָך אַ טראָט,
צוויי מער,
און דו קריגסט עס!

פון אלדאס נוסט

ביזט ווייטער —
נאָר ווייטער
דיין וואונטש
איז פון דיר —
און די פרייד
וואָס דו גאַרסט —
דו קריגסט נישט.

דיך ציט
נאָכאַנאַנד
צו דעם גליק
נעבן דיר —
אָט־אָ באַלד,
אָט־אָ שוין,
דערגרייכסטו!

נאָר אומזיסט
איז דיין מי,
מיט דיין ברי,
מיט דיין צי —
ווייל דיין גליק
ציט צוריק —
און דערגרייכסט נישט...

א. לוצקי

„יאָ״ פרעגן — אָדער „נישט״ פרעגן?

פרעגט איר: וואָס איז דאָ?
איז גאָרנישטאָ.

טאַקע, וואָס איז דאָ?

יעדער דאָ איז דאָ —
אויף אַ ווײַלע דאָ,
נאָכן דאָ — נישטאָ.

אַ וואָסער ווערט האָט „דאָ״ —
אַז סע ווערט „נישטאָ״?

דער — געהוליעט דאָ,
דער געליטן דאָ,
בײדע — איין נישטאָ.

דער — אַ רשע דאָ,
דער — אַ צדיק דאָ,
בײדע — איין נישטאָ.

אפשר אויך נישטאָ
דאָס לעבן דאָ?

דאָ, די וועלט, נישטאָ,
„יענע וועלט״ נישטאָ,
נאָר געדאַכט פון „דאָ״!...

דאָס איז אַלץ נישטאָ —
מיטן פרעגן: וואָס איז דאָ...

פון אלדאס גוטס

אַנדערש אָבער איז דער „דאָ" —
אָן דעם פרעגן: וואָס איז דאָ.

פרעגט נישט וואָס איז דאָ —
איז אַלעס דאָ!

געדאַנק איז דאָ!
געזאַנג איז דאָ!
געטראַנק איז דאָ!
פאַרלאַנג איז דאָ!
און ליבע איז דאָ!
די וועלט איז דאָ!
און איר זענט דאָ!
אָט לעבט איר דאָך!
וואָס ווילט איר נאָך?..

אפילו נאָכן דאָ —
איז אפשר דאָרטן דאָ
מערער נאָך פון דאָ!
פריילעכער פון דאָ,
און אייביקער פון דאָ!...

פרעג איך טאַקע דאָ,
ווייל איך בין נאָך דאָ:
וואָס איז בעסער דאָ,
פאַרן לעבן וועגן:

„יאָ" פרעגן? אָדער „נישט" פרעגן?

א. לוצקי

אַ מענטש האָט פֿאַנטאַזיע

אַ קבצן —
ער קען נאָך ווערן אַ מיליאָנער.

אַ קראַנקער —
ער קען נאָך ווערן געזונט, אָן איין.

ליבע —
ער קען נאָך קריגן די שענסטע אין דער וועלט.

לעבן —
ער וועט נאָך דערלעבן משיח׳ן.

אָבער וואָס סע מוז געשען,
וואָס סע וועט געשען,
קען אַ מענטש ניט זען.

דער גרעסטער פֿאַנטאַזיאָר
קען זיך ניט זען געשטאָרבן . . .

יעדער האָפֿט צו זיין אַן אויסנאָם;
לעבן לאַנג לאַנג לאַנג לאַנג
אין אייביקייט אַריין . . .

אַ שוועבעלע

אַ שוועבעלע.

געפלאַמט,
טאַראַראַמט,
געשאַלט,
געשטראַלט,
„געברענט אַ וועלט״...

שוין נאָכן געברען,
שוין נאָכן געשען,
שוין נאָכן שוועבעלע . . .

ווער האָט געשאַלט און ווער האָט געשטראַלט?
דעם שוועבעלעס גייסט . . .

אוואו איז דעם שוועבעלעס גוף?
פון שוועבעלעס גוף איז געבליבן דאָס אַש.

אוואו איז דעם שוועבעלעס גייסט?

דער פלאַם טאַראַראַם אוואו?..

א. לוצקי

דער חכם

דער חכם
איז גאָרנישט אַזאַ קלוגער
ווי סע טראַכט זיך.

דער טיפּש
איז גאָרנישט אַזוי נאַריש
ווי סע דאַכט זיך.

דער לאַכער
איז גאָרנישט אַזוי גליקלעך
ווי סע לאַכט זיך.

די מעשה
איז גאָרנישט אַזוי פּשוט
ווי סע מאַכט זיך.

יענער נעבעך...

ווער איז אַ נאַר?
יענער.

ווער זעט אויס אַלט?
יענער.

ווער איז געשטאָרבן?
יענער.

יעדער איך
ביי זיך
איז קלוג.

יעדער איך
ביי זיך
איז יונג.

יעדער איך
ביי זיך
לעבט אייביק...

א. לוצקי

דער חשק איז גרויס . . .

הונגעריק.
וויפיל ווילסטו עסן ?
פולע טעפ.

דורשטיק.
וויפיל ווילסטו טרינקען ?
אַ פולע פאַס.

שלעפעריק
וויפיל ווילסטו שלאָפן ?
אַ גאַנצן דור.

פאַרבענקט.
וויפיל ווילסטו ליבן ?
אָן אַ סוף...

איצטער לאָמיר זען — וויפיל קאָן אַ מענטש.

הונגעריק :
וויפיל קאָנסטו עסן ?
אַ באַש.

דורשטיק :
וויפיל קאָנסטו טרינקען ?
אַ פלאַש.

פון אלדאס גוטס

שלעפעריק:
וויפיל קאָנסטו שלאָפן?
אַ נאַכט.

פאַרבענקט:
וויפיל קאָנסטו ליבן?
אַ שעה...

אָבער דער חשק — איז זייער גרויס...

וויסן

מיין וויסן לאָזט מיך וויסן:

יעדע רגע לעבן
דארפסטו שעצן
ווי דאָס לעבן.

ווי דאָס לעבן
איז דיר ליב
אזוי האָב איך עס ליב.

לאָז נישט אָפּ!

היט עס איין!

א. לוצקי

דריי ערליי מענטשן

1

גייט א מענטש.

זיינע אויגן און זיין קאָפּ — אַרויפגעהויבן.
ער קען נישט קוקן גלייך,
נישט אַראָפּ.

ער זעט נישט ערד,
ער זעט נישט וואָס סע ווערט...

ער זעט נישט קיין געבוירן,
ער זעט נישט קיין פאַרלוירן,
ער זעט נאָר טרוים...

וואָס ער זעט — איז איבער אים,
איבער אייך,
איבער אַלץ,

ער זעט הימל...
און אים — איז ליב דאָס לעבן אויף דער ערד...

ער וויל לעבן.

2

זיצט א מענטש.

זיין מידער, שווערער קאָפּ —
צו דער ערד געבויגן,
צו דער ערד די אויגן.

ניט ער קוקט צו אייך,
ניט ער קוקט צו מיר,
ער זעט נאָר ערד...

נישטאָ פאַר אים קיין העכערס.
פון דער ערד געבוירן,
צו דער ערד פאַרלוירן,
בלויז דאָס זעט ער.

און אים — איז ליב דאָס לעבן אויף דער ערד...

ער וויל לעבן.

3

ליגט א מענטש.

ניט פאַר אים צו גיין,
ניט פאַר אים צו שטיין,
נאָר ליגן.

ער זעט די וועלט אַרויף,
ער זעט די וועלט אַראָפּ,
אָפן זיינע אויגן,
ער איז אויסגעצויגן...

יענע מענטשן גייען,
יענע מענטשן שטייען,
ער — ליגט.

א. לוצקי

ליגן פאַרן סוף,
ליגן נאָכן סוף,
ליגן אָן אַ סוף.

אויך אים — איז ליב דאָס לעבן אויף דער ערד...

ער וויל לעבן.

וועלטס געשריי

די הוילע שטילקייט אין דער וועלט —
שאַלט
אין אויפגעפּראַלט
אַריבער פעלד
אַריבער וואַלד
אַריבער בערג
און שרייט געוואַלד
אין איינגעהאַלט
שאַ — אַ — אַ — אַ!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון אלדאָס גוטס

„בראשית ברא"

דאָס ערשטע וואָרט
פון וועלט באַשאַף —
הויבט זיך אָן מיט ב.
„בראשית ברא".

ווי זעט אויס בית?
בית זעט אויס אַ הויז.

וואָס איז דער טייטש בית?
בית איז דער טייטש אַ הויז.

וואָס איז פאַראַן אין דעם הויז?
געשלעג אין דעם הויז,

די חיות אין געברויז,
די מענטשן אין געשטויס,
מלחמות דורכאויס,
סע לאָזט זיך נישט אויס...

אין דער גרויסער בית —
וואָס רופט זיך וועלט.

דערפאַר הויבט זיך אָן
די וועלט מיט אַ בית.

בראשית ברא...

א. לוצקי

אַ מענטש אין טיפן עלטער

אַן אַלטער אַלטער קראַנקער מענטש —
האָט זיך זיינע שפּילעכלעך.

זיינע שפּילעכלעך — דאָס לעבן.
זיין בעסט שפּילעכל — איז „לאַנגזאַם".

פּאַמעלעך איז אַ גרויסער פאַרגעניגן.
אַ שיינער ליבער נחת אין פּאַוואָליע.

שפּילעכל גיי — גייט ער לאַנגזאַם.
שפּילעכל זיץ — זיצט ער לאַנגזאַם.

שפּילעכל עס — עסט ער לאַנגזאַם.

שפּילעכל שלאָף — שלאָפט ער לאַנג,
לאַנג, לאַנג, לאַנג, לאַנג—זאַם...

לאַנגזאַם ציט די אייביקייט,
די אַלטע אַלטע אייביקייט.

זי ווערט נישט מיד, די אַלטע אייביקייט,
צו ציען און צו ציען אין דער אייביקייט.

ער — אַ מענטש — אַן אַלטער אַלטער
קראַנקער מענטש —
ווערט ער היימישער מיט אייביקייט...

פון אלדאס גוטכ

אַ נאָענטער מיט אייביקייט,
אַן אייביקער מיט אייביקייט,
ציט ער אויך...

פאַמעלעכן,
פאַוואָליענקע,
אַהין אַריין אין אייביקייט,
אַזוי ווי אייביקייט...

* * *

א מענטש —
צום סאמע סוף —
שלאָפט איין
צו גאָט ארויף:
איך האָף —
נאָך נישט מיין סוף...

א. לוצקי

אין שפיטאָל

קום אַריין, מענטש, און זע, דיין וועלט —
אין שפּיטאָל.

דאָ — דיין שול.
דאָ — דיין לעבן־טעמפּל.
דאָ — דיין אַלטאַר.
דאָ — דיינע האַרציקע תּפילות.

דאָ — אין „שול״ —
ליגן מענטשן אויפגעשטאַרטע —
אויפגעגאַרטע —
אויפגעוואַרטע —
אויף דערבאַרעם.
אַלטע באָבעס,
אלטע זיידעס —
ווערן אויפגעפלאָסן מיט געוויין
אויף זיך אַליין.

א גרויסער צער אויף אייגענעם
פאַרמאַטערטן,
געפּייניקטן געביין.

דאָס לעבן זעצט זיך אין כּסדר'ן פאַרגיין,
און קיינער וויל נישט אונטערגיין.

פון אלדאַס גוטס

דער זיידע שוין מיט אייניקלעך —
מיט די קינדער פון די אייניקלעך —
אַליין אַצינד אַ קינדעלע,
אַ קראַנק קינדעלע.

ער מורמלט פונעם האַרצן זיינע תפילות
צו דער מאַמען דאָרט אויף „אויף יענער וועלט״.
מאַמע!
ראַטעווע דיין קינדעלע!

איך לאָז זיך אוים!

העלף עס!...

דאָס לעבן זעצט זיך אין כסדר׳ן פאַרגיין,
און קיינער וויל נישט אונטערגיין.

א. לוצקי

גאָט! האָב רחמנות!

גאָט!
נידער אַראָפּ צום קראַנקן.
נאָענט דיך צום געפּייניקטן.

זע, דער מענטש ליידט.

די ליפּן פאַרקלאַמטע.
מיט פּיין פאַרקראַמפּטע.
די אויגן בלאַנקען סתם,
א פאַרווירטער תם.

גאָט!
דערהער — זיין נישט דערהערטן זיפץ.

לינדער אים, גאָט!
צעשמייכל אים!
שטראַל אים אויף
מיט דיין וואַרעמען דערבאַרעמען!

מיט דיין לויטערן שיין —
לאָז דעם מענטש צוריק
אין לעבן אַריין.

דער מענטש וועט שוין אייביק
דיין חסד געדענקען,
און אייביק דיר דאַנקען.

גאָט!
נידער אַראָפּ צום קראַנקן!...

פון אלדאס גוטס

וואו זענען זיי אַלע?

געווען דאָ אַזויפיל פאַרשידענע מענטשן,
און אַלע — מיט וואונטשן פאַרבאָרגן.

געוואָלטע,
געזאָלטע,
געהאַסטע,
געהאָלדטע,
וואו זענען זיי אַלע?

געווען דאָ אַזוי פיל פאַרשידענע מענטשן,
און אַלע — געצויגן צום מאָרגן.

פאַרטרוימטע,
פאַרטראַכטע,
פאַרבענקטע,
פאַרנאַכטע,
וואו זענען זיי אַלע?

געווען דאָ אַזויפיל פאַרשידענע מענטשן,
און אַלע — מיט יאָכן פאַרטראָגן.

פאַריאָגן
אין פלאָגן,
וואָס מערער
פאַרמאָגן.
באַזאָרגן
אויף מאָרגן,
אויף ענדלאָזן מאָרגן...

געווען דאָ אַזויפיל פאַרשידענע מענטשן,
וואו זענען זיי אַלע?

א. לוצקי

דער העכערער שכל

מענטשן מיט שכל —
זאָגן אַ שכל,
מיט שכל:

אַ שכל —
דאַרף זיך לעגן אויפן שכל.

אויב אַ שכל,
לעגט זיך נישט אויפן שכל —
איז דער שכל נישט קיין שכל.

אַזוי זאָגן מענטשן,
וואָס האָבן שכל,
צו האָבן שכל.

איז דאַכט זיך דער שכל —
אַ פשוטער שכל:
אָ שכל —
־אַרף זיך לעגן אויפן שכל.

איז אפילו דער שכל,
וואָס לעגט זיך אויפן שכל —
קען זיך נישט לעגן

ביי מענטשן אָן שכל.

פון אלדאס גוטס

מען דאַרף האָבן שכל,
אַפילו צום שכל —
וואָס לעגט זיך אויפן שכל.

איז אָבער דער שכל,
וואָס לעגט זיך אויפן שכל —
אַ פשוטער שכל.

ווי קאָן זיין אַ שכל,
אַ טיפער שכל —
ער קאָן זיך לעגן
אויפן פשוטן שכל.

איז טאַקע פאַראַנען
אַ העכערער שכל
אַריבער און איבער
דעם פשוטן שכל.

אָבער אַפילו
דער העכערער שכל —
דאַרף האָבן די קלאָר,
לויט זיין העכערן שכל.

אַפילו שווער
צו וויסן ווער
האָט וויסן מער...

א. לוצקי

אַפּילו שווער
צו וויסן ווער
איז גלוסטיק מער!

טאַקע ווער,
איז גלוסטיק מער?

העלפאַנט גרויס —
דער אויפגעבלויז,
אַרויפגעשטויס?

צי מערעזשקע
אַ ברויזל
בלויז...
בלויז יענע חכמים
מיט העכערן שכל —
באַנעמען דעם שכל
פון העכערן שכל.

און טאַקע די פאָרשער
מיט העכערן שכל —
ענטדעקן די הויכן,
ענטפּלעקן דעם תוכן,
אַריבער און איבער דעם פּשוטן שכל.

אַ דאַנק די גאונים
מיט זייערע גאונות,
פון העכערן שכל —
וועלן מיר קומען
צום געטלעכן היכל...

פון אלדאס גוטם

יוגנט, מיטל, עלטער

אַ מענטש אין דער יוגנט —
מיינט אויף אייביק...

אַ מיטליאָריקער —
מאַכט זיך נישט וויסן...

אַ מענטש אויף דער עלטער —
פילט שוין, פאַרשטייט זיך...

ווייסט ער:

געפונענע טעג,
געפונענע וואָכן,
אַ יאָר איז אַוואַדע געפונען...

טוט אים הנאה יעדע רגע,
שעצט ער שאַצט ער יעדער ווילע.

אַריבער און איבער אַלע לשונות...
אַריבער און איבער דעם גאונס גאונות...

הימל התרוממות...
צייטס יסודות...
גאָטס רעיונות...

א. לוצקי

אַ ווינט וויל וויסן . . .

אַ ווינט
פלאַטערט אום אַ צעשטרייטער
און כאַפּט יעדן מענטש ביי די לאַצן:
געוואַלד, ווער בין איך? ...

מיין נאָמען איז אימפּעט,
מיין לעבן איז שוועבן.

האָט ווער מיך געטראָגן?
האָט ווער מיך געבאָרן?
צי בין איך געוואָרן
אַליין אַ געיאָגן ...

פון וואַנען ביז וואַנען
וועט זיין מיין פאַראַנען?...

צי בין איך אַ ווינט
אויף אייביק פאַרשווינד,
צי ווער איך פאַרשווינד —
און ווער ווידער ווינט.

איך פלי און איך טראָג
און איך שריי און איך זאָג:

מיך צאפלט דער אומרו
פון שוועב אינדערגיך ...
פון ווינט ווערט גארנישט —
אוואו איז זיין איך?...

* * *

אומעטום איז אומעטום.

אויף א שטיקעלע פעלד —
איז דא די גאנצע וועלט.

אט האט איר די וועלט:
א גראז,

א מערעזשקע האוועט אום,

א פליג ראשט ארום,

א בין זשום זשום.

א טוי איז דער ים,

א מענטש איז דערביי.

אט האט איר די וועלט —
אויף א שטיקעלע פעלד.

א. לוצקי

דערהערן אַ גרעזעלע געבוירן...

לאָמיר ליגן, אין דער שטילקייט אויפן פעלד,
די אויגן אָפן צו דער ערד.

לאָמיר אָפּוואַרטן אַ גרעזעלע —
סע שפּאַרט אַרויף דאָס קעפּעלע
פון וויסטעניש און ענגעניש אַריבער
אויף אַ פרייער וועלט...

לאָמיר זען ווי סע ווערט אַ גרעזעלע געבוירן!

לאָמיר האַלטן אָנגעגרייט אַן אויער
צו דערהערן די געשרייען,
די געוואַלדן,
פון דעם ערשט געבוירן גרעזעלע
פון מאַמע ערד אַרויס.

עלעהיי אַ קעצעלע,
אַ הינטעלע,
אַ מענטשעלע געבוירן ערשט!

יעדע נײַ געבוירן שרייט!
לאָמיר האַלטן אָנגעגרייט דאָס קעסטעלע,
וואָס זאַמלט איין די קולות —
וועט דער מאָרגן מענטש אין הימל —

פון אלדאס גוטס

דאָרט שטודירן די געשרייען
און די ווייען,
פון דעם ניי געבוירן גרעזעלע —

פון אַ וועלט געווען אַמאָל
אַרונטער
אונטער
ווען דער מענטש האָט זיך געווימלט
אויף דער שטויביקער, דער דרויביקער,
דער נידעריקער ערד...

א. לוצקי

אַ זשמעניע ערד...

איך נעם אָן אַ זשמעניע ערד,
פון דער ערד,
און איך גאַף — פון דעם גרויסן באַטראַף:

ווי אַלט איז דאָס ביסעלע ערד
וואָס איך האַלט אין דער האַנט?

פון וואָס איז געוואָרן דאָס ביסעלע ערד?
ווי לאַנג קאָן עס דויערן דאָס ביסעלע ערד?
און וואָס קאָן עס ווערן דאָס ביסעלע ערד?

איך ווייס פון אַ מענטש —
ווערט ערד אין דער ערד.
אָבער וואָס ווערט פון ערד?
קאָן ווערן פון ערד נאָך צעשטערטער פון ערד?
קאָן ווערן פון ערד נאָך ווייניקער פון ערד?
איז ערד פון פאַריאָרן,
די זעלביקע ערד,
ווי ערד פון פאַרצייטן?

אַ מענטש לויט זיין עלטער —
האָט זיין מראה.

וואָס איז מיט ערד?
ערד אין דער יוגנט זעט אויס
ווי ערד אויף דער עלטער?

פון אלדאס נוטס

דאָס ביסעלע ערד
וואָס איך האַלט אין דער האַנט —
נאָך פון מעשה בראשית!..

ליגט עס פון דעמאָלט נאָך דאָ?..
אפשר?

דאָס ביסעלע ערד,
אין מיין האַנט וואָס איך גאַף —
נאָך פון יענע זעקס טעג,
תון גאָטס וועלט באַשאַף!

יידישע תורה

אַזוי ווי ליים איז פאַר דעם מוליער,
אַזוי ווי האָלץ איז פאַר דעם בויער,
אַזוי ווי קיט איז פאַר דעם גלעזער,
אַזוי איז האָפנונג פאַרן מענטשן,
אַזוי איז בענקשאַפט פאַרן מענטשן,
אַזוי איז תורה פאַרן מענטשן.

בענקשאַפט איידלט און נשמה׳ט.
תורה לייטערט דעם אַרומעט.
האָפנונג איז דאָס ליכט פון תמיד.

א. לוצקי

ווער זיינען די צוויי?

טיף ביינאַכט.
אַריבער איינגעהילטע,
איינגעשטילטע, דרימלדיקע בוימער —
יאָגט פאַרביי
אין בלויער הויך
אַ שוואַרצער וועזן —
אויפגערעגטער
מיט אַן אימפּעט
ווייט אַוועק
אין פינסטער לער ספער.

באַלד דערנאָכדעם —
יאָגט פאַרביי
אין בלויער הויך
אַ שוואַרצער וועזן
שוין דער צווייטער —
אויפגערעגטער
מיט אַן אימפּעט
ווייט אַוועק
אין פינסטער לער ספער.
און מער ניט מער.

ווער זיינען זיי?

פון אלדאס גוטס

פון וואנען און וואוהין
די פליגלדיקע פליער צוויי,

אינמיטן נאכט,
ווען אלע פייגל האלטן זיך אין באהאלטן ! . . .

* * *

איך לערן וועלט — אין שפעט ביינאכטע שעה׳ן.
אריבער אלע טאג׳ם פארלאזטע טוען.
אריבער אלע מענטשן ווען זיי רוען.

איך דמיון תורה־ניגון
אינעם רוים ארויף
מיט אויבערוועלטיקע הנאה׳ען.

די ווייטע פרעמדע הימלדיקע הויכן
פרומען דארט ארונטער ;
און הכנעה׳ען —
צו מיין תמימותדיקן תוכן
עד אין סוף...

א. לוצקי

אַ רעגן שפּעט בײַנאַכט

דעם רעגן איז אַ פּנים זייער שווער,
און כמורנע איופן האַרצן.
איין אַליין זיך האַלטן העכער
איבער אַלעמען פאַרוואָלקנט...
לאָזט דער רעגן זיך אַרונטער
שפּעט בײַנאַכט

אין לערע גאַסן,
אויסגעליידיקט פון מענטשן,

צו פאַרשמועסן מיט שטיקער העלצער,
מיט אַ פידעלע אָן אַ פּנים,
מיט אַ היטל אָ צעריסנס,
מיט אַ שמאַטע אַ פאַרשמאַכטע.
דער רעגן רעדט מיט יעדן איינעם —
יענעמס לשון...

ער פּליסט אַריין
און מאַכט אַ „ים" —
א לערן עמער אינעם דרויסן.
ס'ר פאַרפולט אַ לערע פלאַש —
ארויסגעשטעלטע אויף דער גאַס.

דער רעגן האָט הנאה
אָנצופילן וואו ס'איז ליידיק.

פון אלדאס גוטס

דעם רעגן איז דאָ היימישער און אייגענער,
מיט אַלע די אַליינען אין דער נידער —
אײדער אײנער און אַליינער
זיין פאַרכמורעט און פאַרוונלקנט.

דאָרטן אויבן לויפן הוילע —
„על בלימה תולה״....

אַ שווערער בלאַט

אויף אַ צאַרט
פאַרציטערט צווייגל
איז אַ בלאַט
געוואָרן גרויס —
האַלט דאָס צווייגעלע
קוים אוים.

פון איר אייגן
בלאַט באַשווערט —
איז די דינע
דאַרע מאַמע
איינגעבויגן
צו דער ערד.

א. לוצקי

דער רעגן — א שליח ציבור

אַ גרויסער רעגן שפּעט בײַנאַכט.

דער רעגן דאַוונט און ער דאַוונט,
און ער שעפּטשעט און ער דאַוונט,
און ער שאָקלט זיך און דאַוונט,
מיט דעם נוסח,
מיט דעם זאָגן,
מיט דעם זינגען פון די זמירות,
פון די דאַוונדיקע רעגנס —

זײַנע אַלטע זיידע רעגנס...
זײַנע אָבות אָבותינו רעגנס...
אפשר פריער נאָך פון שטיבער,
פעלזן, איידער גריבער.

דער רעגן זאָגט און זינגט עס איבער
אין אַ חיבור,
מיט אַ קעסטל אינעם דרויסן,

מיט אַ פּושקע און צערוישן,

מיט אַ צייטונג און צעפּלוישן,

מיט די אַלע —
אין דעם רעגענען באַרוישן.

און אַלערליי קולות —
מיט די קולות פונעם רעגן —

מיט די בוימער, מיט די דעכער,
צו די הימלען דאָרט אַריבער,
מיט די קוימענס נאָך העכער,

דער רעגן — אַ שליח ציבור...

א. לוצקי

דער שטראָם

אַ שטראָם פון תהום האָט אויפגעטויכט,
האָט אויפגעהויכט,
פון פינצטערנעש צו אויפגעלויכט,
פון גרונט אַרויס אין רוים אַריין,
צו גיסן דאָ, צו פליסן,
דאָ צו זיין.

אַליין — ער איין — דער שטראָם געביין —

האָט דורכגעשפּאַרט,
האָט דורכגעשטראָמט,
האָט אויסגעגלעט,
האָט אויסגעבעט,
זיין אייגן וועג,
אַ ווייטן וועג,
אַ שטרעק אַוועק,
צו אָן אַ ברעג,
צו אָן אַ עק...

דורך די בוימער, דורך די זאַנגען,
דורך די שטיינער, דורך די שטאַנגען,
אין געדרייען אַלערלייען,
אויפגעגרויסער, אויפגעשטויסער,
צום אַרויסער אין פאַראויסער.

קוואַלט ער — שאַלט ער,

פון אלדאָס גוטס

פאַלט ער — פּראַלט ער.

קוועלט ער — שנעלט ער,

ציט ער — זידט ער — אומדערמידער.

רוישט ער ראַשט ער אַ גערוישטער,
אַ באַרוישטער,
אַ צעפּלוישטער,
אַ צעטוישטער,

מיט געקלאַנגען,
מיט געזאַנגען,
מיט געדראַנגען,
מיט פאַרלאַנגען.

אין אַ טאַנצנדיק געיאָגן,
אין אַ גלוסטענדיק געטראָגן.

און ער פרייילעכט דעם אַרומעט —
אין אַ וועלט פון תמיד אומעט...

א. לוצקי

אַ רעגנדל

אַ רעגנדל בלאָנקעט אַרום אין די גאַסן
און טריפּעט מיט טרערן.
ער קושט מיר מיין פּנים,
מיין נאַקן,
מיין שטערן,
ער וויל דאָ געהערן,

ער וויל דאָ געווערן!
איך זע ווי דאָס רעגנדל
וויל זיך באַהאַלטן,
פאַרהאַלטן,
ער וויל זיך דאָ האַלטן!

ער זוכט וואו אַ טייכל,
אַ שטראָמיקן וואַסער;
איך וויל נישט פאַרצערן!

מיר אַלע, די נאַסע,
מיר זענען איין ראַסע!
די ערד האָט אונדז אַלע —
געמאָלקן פון וואָלקן!

אַ שפּריצל —
אַ פּליוכע —
משפּחה!..

אַ וואַלד גייט אין וואַסער...

אַ גרויסע פאַרזאַמלונג
פון דאַרינקעביימלעך.

זיי שטעקן אין וואַסער
מיט דינינקע פיסלעך.

אַ סטאַדע געוויקסן
איז דאָ זיך צו באָדן
אין טייך אויף אַ לאָנקע.

פיסעלעך, פיסעלעך,
גלייכע שטאַכעטעלעך,
טויזנטער שטעקעלעך
שטייען אין רייען,

זיי מינען און גייען,
מיט ווינטעלעך ווייען,
אין וואַסער געדרייען,
ביימער אַרמייען...

א. לוצקי

אַ שניי פון אַ מאָל

צוריקוועגס מיט יאָרן — געווען אַ טאָג.

אַ טונקעלער טאָג,
אַ ליבינקער טאָג,
אַ טריבינקער טאָג,

דער גאַנצער טאָג — געווען אַ פאַרנאַכט...
פון פרי ביז ביינאַכט — געווען פאַרנאַכט...

אין יענעם „פאַרנאַכט" —
געווען אַ שניי.

דער שניי האָט געלעבט!
געשוועבט אַ שניי!
אַ שניי אין געדריי,
אַ געדריי אַלערליי,

אָן אַ שיעור אין אַ ריי,
אָן אַ קול אַ געשריי,
אָן אַ רויש אַ זאַוויי...

דער טאָג איז געווען פון וואַנען אַוואו,
דער שניי איז געווען פון וואַנען אַוואו,
און איך בין געווען פון וואַנען אַוואו.

פון אלדאס נוטס

דער טאָג האָט געקלערט,
דער שניי האָט געקלערט,
און איך האָב געקלערט...

דער טאָג איז שטיל
און זינגט אין זיך.

דער שניי אין שטיל
און זינגט אין זיך.
און איך בין שטיל
און זינג אין זיך.
געווען אַ טאָג —
דער טאָג איז פאַרגאַן.

געווען אַ שניי —
דער שניי איז צעגאַן.

און איך בין געווען,
און איך בין פאַראַן...

יאָרן שפּעטער

זע ווער סאיז דאָ!
יענער וועטער!...

דער שניי פון אַמאָל איז נאָכאַמאָל דאָ!...

א. לוצקי

פון וואַנען אַוואו —
דער טאָג איז דאָ.

פון וואַנען אַוואו —
דער שניי איז דאָ.

איך בין געווען,
און איך בין דאָ.

דער טאָג איז פאַרקלערט,
אַזוי ווי אַמאָל.

דער שניי איז פאַרקלערט,
אזוי ווי א מאָל.

און איך בין פאַרקלערט,
אַזוי ווי אַמאָל.

פון אלדאס גוטס

מענטשן ווי געוויקסן

איך קוק אויף דער וועלט —
ווי איך קוק אויף אַ פעלד.

פֿאַר מיר זיינען מענטשן
ווי פלאַנצן אין פעלד.
פֿאַרשידענע געוויקסן,
פֿאַרשידענע מענטשן.

וואָס זע איך אין פעלד ?
גראָזן און זאַנגען,
בוימער און שטאַנגען,
קראָפּיווע און בלומען.

וואָס זע איך אין דער וועלט ?
אָרנטלעכע מענטשן,
פֿארדאָרבענע מענטשן,
און מענטשן מערדער.

איך קוק אויף דער וועלט —
ווי איך קוק אויף אַ פעלד.

איך ווער נישט ענטוישט
פון קראָפּיווע אין פעלד,
בין :יכער באַרוישט
פון צדיקים אין דער וועלט.

א. לוצקי

ווינטערדיקע צאַצקעלעך

אין טיפן שניי,
אין שטאַרקן ווינט,
אין גרויסן פראָסט —
בליען זאַנגען,
וואַקסן זאַנגען,
שלאַנקע זאַנגען.
באַגלייך מיט זיי;
אין טיפן שניי,
אין שטאַרקן ווינט,
אין גרויסן פראָסט —
בליען קווייטן,
וואַקסן קווייטן,
שלאַנקע קווייטן.

צאַצקעלעך מיט שיינע טשוביקלעך.
ווייסע טשוביקלעך פון אויבן,
רויטע טשוביקלעך פון אויבן...
אַ צאַצקע מיט אַ טשוביקל פון אויבן.

ווינטערדיקע זאַנגען,
ווינטערדיקע קווייטן,
צאַצקעלעך.
מיט די קעלטן זעלן זיי,
מיט די שנייען העלן זיי,
מיט די ווינטן קוועלן זיי.

פון אלדאס נוטס

ווינטער — זייער זומער,
שניי — איז זייער יאַנטעוו,
פראָסט — אויף זיי אַ פרייד.
ווינטערדיקע צאַצקעלעך.

די זאַנגען בויגן זיך,
די זאַנגען נויגן זיך,
פאַר די צאַצקעלעך.

די צאַצקעס הוידען זיך.
די צאַצקעס סוד'ען זיך,
ייי שעמען זיך.

ליבעס ביי געוויקסן.

א. לוצקי

ליבע אוןליידנשאפט

פינגער זיינען אויפצוקאכן טיפן.
יעדער גלעט איז געבעט.
יעדער ציטער איז פון אינעווייניקסטן געוויטער.

אַ קוש איז וואונטש אַריינצושלינגען.
אַלע גלידער צאַפּלען זיך אַריינצודרינגען.
אַ ביס באַגערט נאָך מער.

יעדער ריר איז מיטן כוח פאַרבאָרגן.
אַלע הערצער וועקן אין געהיים.
גלוסטן ציען צו די ווינקלען.
אין דער טונקל — רעגן בולטער די באַגערן.

אין דער פינצטער — בליצן רייצן.
שטראָמען זאַמלען זיך צונויפקוועלן.
פאַרבאָרגן — ברויזט אַריבער אין פאַרבאָרגן.

די ווילנס זיינען ראַשיגער אין שפּאַלטן.
יעדער לעבן ווערט באַשאַפן אין באַהאַלטן.

פון אלדאס נוטס

אַלע לעבנס —
שטאַמען פון דער פינצטער :
מענטש,
מילב,
בוים,
גראָז.

דורך חושך —
האָט זיך דורכגעשפּאַרט די זון.

די מאַמע פון דער גאַנצער וועלט —
איז תהו־ובהו.
און גאָט איז דער טאַטע איבער אַלץ.

א. לוצקי

אַרויף און אַראָפּ

עס געוועדט ביז סע ווערט.

פון די פרייען,
ביז די ווייען —
פולע שייערס
צו געדייהען.

יעדער ווערן —
ווערט פאַמעלעכן,
זייער פאַמעלעכן.

לאַנגזאַם אויפשטייג,
לאַנגזאַם אָפּשטייג,
לאַנגזאַם.

פאַוואָליע אויפבלי,
פאַוואָליע אָפּבלי,
פאַוואָליע.

מיט דעם ווערענען,
מיט דעם מערענען,
ווערט צעשטערענען...

אַזוי פאַמאַליענקע,
אַזוי פאַוואָליענקע,
אַן אַנדער דאָליענקע...

גענוען פּאַראַויסעלע,
אַצינד צוריקעלע,
געביטן גליקעלע...

סע ווערט אַזוי פּאַמעלעכן —
מען מיינט סע ווערט נישט,
אָבער סע ווערט.
מען כאַפּט זיך מיטאַמאָל:
שוין געוואָרן...

זיך אויסגעלאָזט...

ענדע גרענדע.
לעגענדע ענדע.
מער נישט לאַכעניש,
מער נישט וויינעניש,
מער נישט מיינעניש...
יאָ און ניין,
גרויס און קליין,
מינדער — מיין —
אַלץ אַלצאיין...

א. לוצקי

אַלץ ביי איין — נישטאָ ביי קיין . . .

אַלע שרייבער,
אַלע מאַלער,
אַלע זינגער,
אַלע שפּילער,
יעדער איין — מיינט אַלצאיין:

מיין קונסט איז שיין,
עס האָט אַ מיין,
אַ וועלט מיט חן.
אַזאַ — בלויז איין
איך אַליין,
און מער נישט קיין.

אַזוי דער מיין ביי יעדן איין:

אַלץ ביי איין —
נישטאָ ביי קיין.
בלויז ביי איין —
ביי מיר אַליין.

יעדער מענטש מיינט אַלצאיין.

מיין שטיין איז שיין,
מיין גיין איז שיין,
מיין בליק איז שיין,
מיין זאָג איז שיין,

פון אלדאס גוטס

אַזאַ — נאָר איין,
איך אַליין,
און מער נישט קיין.

אַזוי דער מיין ביי יעדן איין.

יעדער איין
געפינט דעם „ניין"
ביי יעדן איין,
אָבער נישט ביי זיך אַליין.

ביי זיך אַליין
איז יעדער איין
„אַזאַ — בלויז איין,
איך אַליין
און מער נישט קיין."

אַזוי דער מיין
ביי יעדן איין:

אַלץ ביי איין —
נישטאָ ביי קיין.
בלויז ביי איין —
ביי מיר אַליין.

אַזוי דער מיין —
ביי יעדן איין.

א. לוצקי

צוויי הינט מיט אַ שמאַטע...

צוויי הינט
אויף אַ גאַס
האָבן אָנגעכאַפּט אַ שמאַטע,
און ווילן איר נישט אָפּלאָזן.

שטייען ביידע אָנגעשטרענגט
איינס אַ קעגן אַנדערן
די אויפגעבייזטע הינט,
און האַלטן אין די מאָרדעס
פעסט די שמאַטע ביי די ברעגן . . .

יעדער הונט באַזונדער
וויל די גאַנצע שמאַטע
פאַר זיין אייגן וועגן...

ברוויזן ביידע כלבים
ביז צום לעצטן קאַמף פאַרגרייטער . . .
נישט דערלאָזן צו פאַרלאָזן
אַט די שמאַטע
פאַר דער הינטעכע דער צווייטער . . .

רייסן זיי און בייסן זיי
די שמאַטע
אין געפעכטיקן געדרייען,

פון אלדאס גוטס

ביז די שמאטע צרה'וואטע
צעטרעפּעט זיך אויף צווייען...

באַנעמען שוין די שלעגער,
צום געיעג איז אַן עק...

און מיט לײדיקע מײַלער
די ענטװישטע אין געאײַלער
האַצקען ווייט אוועק,

יעדער הונט באַזונדער
אויף זיין אייגענעם וועג...

א. לוצקי

רובע טרובאַטש אין לוצק

ווער איז רובע טרובע באַס?

פון אַ שלעפּערישן קלאַס.
אומגעשלייפט פּוסט און פּאַס,
ערגעץ אין „מצרים" גאַס.

נישט קיין „ייד", און נישט קיין „לאַט",
ווערט ביי פּאַניען אַ סאָלדאַט.

רייסט די מאַמע זיך דאָס העמד:
ווי, מיין זינדל אין דער פרעמד.

דינט ער יאָרן אין אירקוטסק,
און ער קומט צוריק קיין לוצק.
רובע טרובאַטש מוזיקאַנט,
ווי די קלעצער יעדע האַנט.

אויסגעוואַקסן אוי אוי אוי,
קאַנאַנאָרע ווי אַ גוי.
מיט אַ פּלייצע, מיט אַ קאָפּ,
טאַקע ווי אַ פּאָלנער כלאָפּ.

טרומבאַ, אומבאַ, אומבאַ באַ!

נאָר די מאַמע דיק אַליין,
גלעט איר זינדל מיט געוויין.
ביזט געווען פון מיר אַוועק
אוי מיין קינדעלע, מיין שנעק . . .

רובע טרובאַטש רעדט קיין וואָרט,
„סמירנאָ״ שטייט ער אויף אַן אָרט.
כאָטש ער וויל איר זאָגן; אוי,
איך צו דיר געבענקט אַזוי.

רובע טרובאַטש פון אירקוטסק,
דינט ביי פּאָניען איצט אין לוצק.
זיצט געריטן אויף אַ פערד,
און דער פערד גאַלאָפּט די ערד.

דער אָרקעסטער שפּילט אַ שטיק,
רובע טרובאַטש האָצקעט גליק . . .
מוזיקאַנט דראַגונסקי פּאָלק,
גרויס ראָסיאַ, רוסיש פאָלק!

טרומבאַ, אומבאַ, אומבאַ באַ!

רובע טרובאַטש טראָגט דעם באַס,
בליאַסקעט אויף די גאַנצע גאַס.

באַס — אַ בייגל אויף זיין האַלדז,
האָט אים רובע — האָט ער אַלץ.
בלאָזט ער: טרומבאַ, אומבאַ, באַ!
בילט זיך רובע; הו—וואַ וואַ! . . .

א. לוצקי

אלע דורות זיינען דאָ

טאַטע מאַמע, שוין פון לאַנג נישטאָ.
זיי זענען דאָ!

איך — בין דאָ,
זענען מיין טאַטע מאַמע דאָ.
יעדער מענטש פאַרשטאַרבענער —
בליקט אַדורך אַ לעבעדיקער —
דורך אַנדערע פון זיינע קרובים...

אַלע איר, אַלע מיר,
זענען אַלע יענע
דורות לאַנג פאַריבערע...

יעדער מענטש פאַרמאַגט זיינס אייגנס —
צום אַריבערוואַנדערן
אין אַנדערן
נאָכאַנאַנדערן...

דורכן קול פון אייערע ליפּן —
רעדן דורות דאָ געוועזענע.

די אַלטע דורות פון אַמאָלן —
זיינען דאָ אין אייער פירונג,
אין אייער שטיין, אין אייער זיצן,
אין אייער זיפץ אַרויס פון האַרצן...

אין צענעם פון אייער שמייכל —
קוועלט אַדורך אַ זיידע אייערער,
לאַכט אַדורך אַ באָבע אייערע,
פון יאָרן טויזנטער צוריקער...

אַלע די משפחות אייערע,
זינען די ערשטע „אָדם חוה",
ביידע שרייבן איין אלף־בית.
אויף אייער איצט פאַרפרומטן פנים!...

א. לוצקי

דער מאָרגן מענטש...

דער מאָרגן מענטש וועט גרייכן הויכן
וואָס דער גרעסטער בעל־חלומות
קען עס היינט אין טרוים נישט גרייכן.

דער מאָרגן מענטש וועט אַלץ פאַרשווייגקען.
אַלץ דאָס שרייבן, אַלץ דאָס דענקען.

אַלץ וועט פאַלן
מיט די שטראָמען וואָסערפאַלן.

אַלע ביכלעך, אַלע בענדער,
גיכער גיכער און געוויכער
אַלץ פאַרטרייבן,
נישט צו קלייבן,
נישט צו בלייבן,
אַלץ צעשטויסן,
אַלץ פאַרטושן,
אַלץ פאַריאָגן,
אַלץ פאַרטראָגן,

אַפּ און אַפּער,
אַפּ אַראָפּער,
אונטער גרונטער,
אין די רוימען אונטער תהום׳ען...

פון אלדאס נוטס

און זיין וועט זיין אַ נייער זיין:

אַ ניי געבלענד אין יעדן ווענד!

אַ ניי דערהויב אין יעדן הויב!

אַ ניי צעפיר אין יעדן ריר!

אַ ניי דערוועק אין יעדן שטרעק!

קיינער וואוינט נישט אויף יבשה.
מענטש אין הימל לעבט אין לופטן,
פליט אַן גאַרנישט.

מענטש אַליין דער קאַפּיטאַן,
מענטש אַליין דער עראָפּלאַן.

קיינער ווייסט נישט „פּען",
קיינער ווייסט נישט „זייגער".
אַ ניי געשען, אַ נייער שטייגער.

נישט קיין מאָלן,
נישט קיין לייענען,
נייע קונסטן, נייע מיינען . . .

נייע ווילנס, נייע וועלנס,
נייע זוכנס, ניי געפעלנס . . .

א. לוצקי

אַפילו ווייט די גרעסטע לייט
פון אַלטע צייט —
האָבן נישט אַזוינס פאַרויסגעזען . . .

קיינער ווייסט נישט קראַנק,
קיינער ווייסט נישט לעבן קורץ,
קיינער ווייסט נישט לעבן לאַנג.

אַ נייער „איז”, אַ נייער „ביז” . . .
און זיין וועט זיין די נייע צייט —
אין נאָענטער ווייט . . .

פאַר אַ סך — אין אונדזער צייט . . .

איך הער דעם קראַך
פון צייטס געשפּאַן —
נישט ווייט פון דאַנן . . .

איך זע און אַז . . .

אויגוסט, 1957.

ווי די מאַמע פלעגט צו זאָגן

איר מיינט, די וועלט איז גוט פאַר אַלעמען ?
די וועלט איז גאָרנישט אַזוי גוט פאַר אַלעמען.

ווי די מאַמע פלעגט צו זאָגן,
פרום פאַרטראָגן,
איינגעזויפסן ווי פאַרגעסן,
אין פאַרנאַכטן,
פילאָזאָפיש סופישן פאַרטראַכטן...

באַדויערן מיטן קאָפּ
אַרויף, אַראָפּ,
געמורמלט שטיל :

אַ גרויסע וועלט,

אַ שיינע וועלט,

אַ ליבע וועלט,
נאָר ווי פאַר וועמען...

נישט צו זינדיקן חלילה מיט די רייד :
וועמען פרייד, און וועמען לייד,
וועמען פאַר וועמען די וועלט אַ גן־עדן,
פאַר וועמען די וועלט אַ גיהנום...

א. לוצקי

אַ געבויגענער בוים

אַ בוים.
טיף אַראָפּגעבויגן.
אַזוי ווי מיט פאַרמאַכטע אויגן
אַ פאַרנויגן.
די צווייגן אָפּגעלאָזענע,

אַראָפּגעלאָזענע.

געוואָלט דערגרייכן העכער,
ווערן שטאַרקער,
ווערן מערער,

זיך נישט איינגעגעבן —
אויפגעגעבן.

דערשלאָגן פון די ווינטן,
פון די צאָרן,
פון די יאָרן,

מיד געוואָרן.

פון אלדאס גוטס

לידער וועגן זיך אליין

וואס טו איך אויף דער וועלט

וואָס טו איך אויף דער וועלט?
איך שוועב...

אַ געדאַכט.
אַ דאַכט.
אַ טרוים אין רוים.

וואָס טו איך אויף דער וועלט?
איך נאָש איבעראַש...

אַ פרעגער ביי דער וועלט —
און איך לייסטער,
אַ שלאָבעריק געשטאַלט —
און איך לייסטער.
אַ באַצויבערטער פון ערד —
און איך גייסטער.

איך בין שיכור פון דער וועלט.
אַ מענטש מיט ווייניק שטרעבן —
האָט ווייניק צו געבן.

א. לוצקי

איך זע אַ זעען...

איך בין שטילער נאָך פון שטילקייט
ווען איך הער זיך איין

אין דורות גאַנג.
איך זע אַ זעען —
וואָס מען זעט נישט מיט די אויגן.

איך זע פאַרביי די לייט —
פאַרצייטיקע.
זיי גייען דורך דעם לאַנגן שליאַך
פון דאָ —
אַ הין אַריין...

זיי לאַכן נישט,
זיי וויינען נישט,
זיי ערנסטן.

זיי גייען און זיי גייען
און פאַרגייען.
נישט יומטוב׳ע,
נישט וואָכיקע,

זיי ווערן וואו אין וויט אַוועק —
אַוועק...

מיינע — דריי — לערער

מיין ערשטער לערער הייסט איך.

מיין צווייטער לערער הייסט מיך.

מיין דריטער לערער הייסט זיך.

טאָמער רעד איך וואָס מען דאַרף נישט,
טאָמער זאָג איך וואָס איך מיין נישט.

שטראָף איך זיך:

איך —
לערן —
דיך...

דאַרפסט נישט רעדן וואָס מען דאַרף נישט.
דאַרפסט נישט זאָגן וואָס דו מיינסט נישט.

פאָלג —
איך —
מיך...

רעד איך טאַקע וואָס מען דאַרף.
זאָג איך טאַקע וואָס איך מיין.

א. לוצקי

תורה

איך פאַרגיי זיך אין אַ טיפער דביקה.
איך צעוויג זיך אין התרוממות.
איך אַנטפּלעק זיך אין אַ גרויס התגלות.
איך דערהויב זיך אין התפעלות —

איבער „גאַרנישט" . . .

וויפיל „גאַרנישט"
פון אַ גרעזל ביז צום הימל! . . .

פון דער ערד — ביז צום הימל —
לע———ע———ע——————ר! . . .

רק לשם שמים . . .

ווייל אַ הימל — דאַרף צו האָבן רחבות.

ווייל דער אָדם —
ברויך צו האָבן ווייטקייט —
אויפצונעמען געטלעכקייט . . .

וואָס זשע לערנען מיר דערפון?

אַז לער אַליין איז אָן אַ שיעור,
און אין לשער . . .
וויפיל שוין אַ שטויבעלע.

פון אלדאס גוטס

וויפיל שוין א מערעשקע,
וויפיל שוין א מענטש ! . . .

דער מענטש — דארף זיך ערשט דערזען.

דער מענטש — דאַרף זיך ערשט דערוויסן.

דער מענטש — דארף זיך ערשט דערקענען;

ער איז מענטש ! . . . !

מענטש — בצלם אלוקים !

מענטש !
דער צווייטער צום באשעפער !
דער צווייטער צום גצוועלטער פון דער וועלט !

„טאג", שבת, אקטאבער 16, 1954.

א. לוצקי

מוזיק פלאַטער

קלאַנג!
געזאַנג!
הויב מיך אויף!

נאַ! הויב מיך אויף!

פלאַטער מיך אַרויף!
מיט דעם גרויל אויף מיינע הויטן,
פון די לויטערקייטן דיינע,
צו די הויכן...

מיך פאַרצויבערן — דיינע זויבערן.

דאָס קול איז איבער אויבערן.

זע נאָר זע, וואָס דאָ איז דאָ!

אַ מענטש פון ערד איז הימלדיק!

אַ גוף געטראָגענער פון גייסט!

הימל־ערד — אין שכנות איינס!..

די זון פון הימל —
נערט די ערד.

און איך בין ערד —
מיט הימל גייסט!

איך-בין יונג

ווער ס׳איז אלט —
איך בין יונג.
ווער סע וויינט —
איך באַזינג.
ווער ס׳איז שלעכט —
פלאָגט אין שעלט.
ווער ס׳איז גוט —
בענטשט און קוועלט.

איך מוז לעבן
איך וועל מוזן לעבן
נאָכאַמאָל
אַזוי פיל יאָרן
אויסצוזינגען
און דערציילן
אַלע וואונדער
איך האָב איינגעזאַמלט
אין נשמה

בלויז פון זען
בלויז פון הערן

אין דער שטילעניש
פון ספערן

וועלט׳ס פאַרקלערן.

א. לוצקי

ביי מיר און ביי דער וועלט

פון א זאמד
ווערט אַ באַרג,
פון אַ מילב
ווערט אַ מאַרק,
ביי מיר.

פון אַ פונק
ווערט אַ פלאַם,
פון אַ טוי
ווערט אַ ים,
ביי מיר.

פון אַ גראָז
ווערט אַ בוים,
פון אַ נול
ווערט דער רוים,
ביי מיר.

וואָס ווערט ביי דער וועלט ?

פון א פלאם
ווערט אַ סתם,
פון אַ ים
בלייבט אַ ראַם,
ביי דער וועלט.

פון אלדאס גוטס

פון אַ באַרג
ווערט אַ דרויב,
פון אַ מענטש
ווערט אַ שטויב,
ביי דער וועלט.

ביי מיר ווערט אַלץ גרויס,
ביי דער וועלט ווערט עס אויס...

א. לוצקי

מיין אייגענע תפילה

מענטש!
וויפל יאָרן ווילסטו שאַפן?
אייביק.

וויפל יאָרן איז דיין אייביק?
ווי לאַנג איך לעב.
וויפל יאָרן לעבסטו?

איין מאָל פופציק.
אפשר צוויי מאָל פופציק.
נאָכדעם גיי.

איז טאַקע ווי.

אַפילו דריי מאָל פופציק,
און אַפילו פיר —
נישט גענוג פאַר מיר.

אַפילן טויזנט — טויג נישט.
אָפּגעלעבט די טויזנט —
מאָרגן שוין געשטאָרבן.

טויזנט יאָר
און איינס —
אַלצאיינס.

בלייבט אַ וועלט נאָך מיר — אָן מיר!

אַ וועלט אָן מיר? —
ווי קען עס זיין?

אַ וואָסער טרייסט איז מיר;
די וועלט אייביק דאָ,
ווען איך — בין שוין נישטאָ?

וואָס גייט מיך אָן אַ וועלט —
איך דריי זיך נישט אין איר?!
וואָס האָב איך פון אַ וועלט —
די וועלט פאַרמאָגט נישט מיר?!

ווער איז וועלט פאַר מיר,
און וואָס איז וועלט פאַר מיר,
און וועמענס וועלט איז מיר,
די וועלט איז מער נישט מיר..

אַ וועלט אָן מיר?

עס קאָן זיך גאָרנישט גלויבן מיר!..
און נישט בלויז איך — פאַרליר!
די וועלט נאָך מיר —
וועט ווערן אומעדיק אָן אַ שיעור!..
אָן מיר אַ וועלט?

אַ פול געפאַקטער גרויסער זאַל, —
דער הויפּט קאָנצערטער פעלט!..

א. לוצקי

אויב גאָט האָט מיטליַיד מיט דער וועלט,
און וויל צוליב טאָן מיר —
דאַרף ער זען איך זאָל לעבן,
איך זאָל שוועבן,
נישט ווינציקער אַ טאָג
פון אָן אַ שיעור.

און אָן אַ שיעור
מיינט ביַי מיר:

די וועלט אויף אייביק
רוישט מיט מיר,
און איך אויף אייביק
רויש מיט איר...

פון אלדאס גוטס

„יענע פאַרגייען״

אַלעמאָל איז דאָ — אָן אַנדער נישטאָ...

געווען אַ דאָ...

אַרומגעאיילט,
אַרומגעזוכט,
גענישטערט,
געוואָרן אַ נישטאָ.

שעפּט זיך אויס פון טיפן הארץ
אַ גרויסער זיפץ:
„יענער״ איז שוין אויך נישטאָ.

די גאַנצע וועלט מיט מענטשן
זיינען „יענע״.

אַלע „יענע״ — שטאַרבן אויס צוביסעלעך.
זיי ווערן ווייניקער און ווייניקער.
אָבער „יענע״! ווײ, ווײ, „יענע״!
אַלעמאָל שטאַרבט אַן אַנדער „יענער״...

אויב חלילה אַלע „יענע״
וועלן שטארבן —
ווער וועט בלייבן פון אמאָל?
בלויז איך,
און איר...
איך — און איר — וואָס שטאַרבן נישט...

א. לוצקי

דער קראַנקער פּאָעט

(געשריבן קראַנק אין בעט, אין יאָר 1950)

אַ פריילעכער דיכטער
מיט טויזנטער לייענער,
ליגט ער אַ קראַנקער,
און פילט זיך ווי קיינער.

פאַרשטילט אין די וואונדן,
די זעאונגען זעלן,
ער מיהט מיט דער פעדער
די אותיות שטעלן.

דאָס האַרץ הויבט אָן קוועלן
מיט פלאַטערער בשורה,
דער דיכטער איז גליקלעך,
געשאַפן אַ שורה.

די האַנט פאַלט אַ מידע
מיט שווערקייט אַנידער.
דער גליקלעכער דיכטער
אין שמערצן שוין ווידער.

אַ דיכטער אַ טרוימער,
מיט טרוימערשן שכל.
אַ קראַנקער און אָרים,
און שרייבט מיט אַ שמייכל...

מיר דאַרפֿן עס וויסן . . .

דער גרויסער שרייבער,
דער קנאַפּער שרייבער,
ביידע שרייבן אַן אַלף בית.

דער גרעסטער מייסטער
שרייבט נישט מער פון צוויי־און־צוואַנציק אותיות.

דער גרעסטער זינגער
זינגט נישט מער ווי זיבן טענער.

דער גרעסטער פידלער
שפּילט נישט מער ווי זיבן נאָטן.

דער שטאַרקער זינגער
פלאַטערט־אום אין הויכן ספער
דעם הימל צו דערלאַנגען...

דער שוואַכער זינגער
שלעפּט זיך אום דאָ־הי,
מיט זיינע שוואַכע קלאַנגען,
אָבער ביידע הייסן „זינגער"...
דער מינדסטער פידלער
הייסט אַ פידלער.

דער מינדסטער שרייבער
הייסט אַ שרייבער.

א. לוצקי

א ליד פון טאַלאַנטן

אוואו אַ טאַלאַנט — אַביסל געשפּיצט,
אַביסעלע צעהיצט,
אַביסעלע צעבליצט.

אַלע די „איזן״ — אַביסעלע „נישט איזן״...

אוואו אַ טאַלאַנט — אַביסעלע געבראַנדט,
אַביסעלע געשטראַנדט,

אַביסעלע פּעדאַנט...
אַ צווייטער סאָרט:
אמאָל אַ מענטש — אַ געוויינלעכער מענטש —

איז אַ ביסעלע „נישט״ אַזוי ווי, אַ „איז״!...

איר ווייסט ווער איז?
ער איז אַ געוואָלטער,
ער איז אַ געזאָלטער...

אַמאָל האָט ער געוואָלט,
אַמאָל האָט ער געזאָלט,
געטרוימט זיין אַ איז...

איינס פון ביידע:

אָדער אַ ריז —
מיט אַ ריזיקן קאַפּריז.
אָדער אַ קאַפּריז —
פון געוואָלט זיין אַ ריז...

מיר האָבן פאַרשידענע יידישע שרייבערס

איינער רומעניִשט מיט יידישע ווערטער.
אַ צווייטער גערמאַניִשט מיט יידישע ווערטער.
אַ דריטער אונגאַרישט מיט יידישע ווערטער.
איינער רוישט מיט רוסיש —
יידיש.
איינער קילט מיט ענגליש —
יידיש.
איינער סקולפּט מיט גריכיש —
יידיש.
איינער פּלאָגט מיט „פּייניק" יידיש.

מיר האָבן פאַרשידענע יידישע שרייבערס.

דער „יידישער שרייבער",
מיט יידישע הויכן,
מיט יידישן תוכן,
מיט יידישער תורה,
מיט יידישע חכמה,
פילט און ווייסט:

דער גאַנצער תנ"ך
איז צער און טרייסט...

שרייבט ער און שאַפט,
מיט קראַפט פאַרגאַפט —
ווי דער ייד אין אים הייסט...

די יידישע פרייד —
דעם אייביקן טרויער באַגלייט...

א. לוצקי

אַ ליד פון „שרייבן"

אַ גוטער שרייבער
שרייבט גוט.
ער ווייסט —
אים לייענען מבינים.

אַ קנאַפּער שרייבער
שרייבט שלעכט.
ער זאָגט:
וואָס ווייסט, דער לייענער?

סתם אַ גוט געשריבן ליד
איז נישט גענוג.
עס דאַרף האָבן חן,
האָבן אַ מיין,

עס דאַרף זיין קלוג,
עס דאַרף זיין קלאָר.

דער עיקר קורץ,
דער עיקר שאַרף,
דאָס אַלץ וואָס מען דאַרף.

אַ גוט ליד

אין לויטער קונסט —
איז אַלץ פֿאַראַן.
פֿאַראַנען וואָר,
פֿאַראַנען אַן...

אין גוטן ליד
איז דאָ געמיט,
איז דאָ געדאנק,
איז דאָ געזאַנג.

די שורה קלאָר,
דאָס וואָרט אין אָרט.
אַוואו אַ בליק —
דאָס לעבן דאָרט.

דאָס מייסטער ווערק
איז גאַנץ אַרום:
די וועלט איז דאָ
אין אומעטום.

א. לוצקי

א ליד מוז זיין ניי,
ענטפלעקן,
און לערנען.

א ליד וואָס לערנט נישט —
איז פוסט,
און זיכער נישט
אין יידישן גייסט...

* * *

דער רשע לעבט —
זידלט מען אים:
די ערד זאָל אים נעמען.

דער רשע שטאַרבט —
זאָגט מען נאָך אים:
די ערד זאָל אים ארויס — ווארפן.

דער פיינער מענטש —
האָט ביידע וועלטן...

פון אלדאס גוטס

עס גייט ניט אין דעם

עס גייט נישט אין אַ ליד, אין נאָך אַ ליד,
אין נאָך אַ ליד.

ניין, נישט אין דעם גייט עס.

עס גייט אין וויפיל חידוש
האָסטו אויפגעקליבן אינם מענטשן.

עס גייט אין וויפיל חכמה
האָסטו צוגעגעבן צו דעם מענטשן.

עס גייט אין וויפיל רחמים
האָסטו אויפגעמונטערט אינם מענטשן.

קונסט איז נישט קיין נאָגעניש.
קונסט איז נישט קיין פלאָגעניש.

אַ פלעמל פון אַ שוועבעלע
איז ליכטיקער און וויכטיקער
פון חושכ׳דיקע בענדער פינצטערייען.

עס גייט נישט אין אַ בוך, אין נאָך אַ בוך,
אין נאָך אַ בוך.
ניין, נישט אין דעם גייט עס.

עס גייט אין מענטש דעם ליכטיקן,
וואָס קען זייַן פאָלק באַגייסטערן,
צו אַ העכער שענער לעבן,
צו אַ בעסער מענטשלעך לעבן.

א. לוצקי

גאָט! לאָז אונדז לעבן...

גאָט איז געטלעך
וואוינט ער אין הימל.
דער מענטש איז מענטשלעך
וואוינט ער אויף דער ערד.

א מענטש איז ערד,
ער לעבט אויף ערד,
און לעבט פון ערד,
און נשמה'ט די ערד.

ערד — זיין מי,
ערד — זיין הי,
גייסט — זיין צי.

מי אני?
הנשמה אני,
והגוף אני.

למה אני?
למי אני?

לעצמי אני,
לציבור אני,
לנצח אני.

גאָט!
האַלט מיך לעבעדיק אויף דער ערד!
געשטאָרבענע לויבן נישט גאָט.

גאָט!
איך — לעב נאָך!
איך — לויב דיך!

ווילסט דאָך, גאָט, איך זאָל דיך לויבן!
— לאָז מיך לעבן!
וועל איך דיך לויבן!

גאָט!
לאָז מיך לעבן!
פאַר דיין אייגן טובה וועגן! ...

א. לוצקי

איך וויל ניט שטאַרבן

גאָט! דו, ביזט מיין עדות;
איך וויל ניט שטאַרבן.

איך האָב פיינט טויט ווי דעם טויט,
און לעבן האָב איך ליב ווי דאָס לעבן.

„יענע וועלט" — פאַר מיר —
אַ צו רואיק אָרט.
מיין — גייסט — איז ניט פאַר דאָרט...

איך האָב ליב טומל,
רעש, קוראַזש,
מיט גלוסטן אַ באַגאַזש,
מיט צאַצקעס אין טאַש,
פאַנטאַזיעס מיש־מאַש...

איך — בין אַ דאָ'ער,
און דאָ — וויל איך דאָ'ען,
שעה'ען נאָך שעה'ען,
אין אייביקן טוען...

אַ פאַרקאַכטער אין לעבן
מיט לייב און מיט לעבן
וויל איך דאָ לעבן.

פון אלדאס גוטס

אַז סע פאַלט מיר גאָרנישט איין
צו ווערן „יענע וועלט״ !

ווער איז דער „יענע וועלט״ געוועזן?
איך קען עס נישט,
איך ווייס עס נישט,
איך וויל עס נישט וויסן.

אפשר ווילן שטאַרבן
די יאָכצער, די קראָכצער, די בראָכ׳צער.
איך — בין נישט קיין יאָכצער,
איך — בין נישט קיין קראָכצער,
איך — בין נישט קיין בראָכ׳צער.

איך — בין אַ זינגער,
אַ לעבנס באַזינגער,
אַ פרייד צעקלינגער.

איך זינג פון לעבן,
פון שוועבן,
פון שטרעבן,
ווי קומט צו מיר שטאַרבן !

איך האַלט אינמיטן פאַרשן אַ שטויבעלע,
אַ מילבעלע, אַ מענטש ! . . .

פאַר מיר — יללה, קללה, חרמה, — טמא ! . . .
איך בין לויטער בענטש ! . . .

א. לוצקי

אַפילו ווען אויף „יענער וועלט"
זיץ איך ין "גן־עדן"
אָן צער, אָן ליידן —
וויל איך נישט ריידן
וויל איך זיין פון אים געשיידן
כל־זמן איך לעב . . .

ווייל איך — וויל לעבן — כל־זמן —
די וועלט איז פאַראַן . . .
דערנאָך —
וועל איך וועלן ערשט נאָך . . .

ווי קאָן איך וועלן שטאַרבן —
אַז איך וויל גאָר לעבן!

איך האָב נישט קיין כוח צו שטאַרבן!
איך האָב קוים כוח צום לעבן!

אַ רגע'לע נחת
אויפסניי באַנייע —
איז ליבער און שענער
פון דער שענסטער לויה . . .

גאָט! איך וויל נישט קיין לויה!

מיטן לעבן — בין איך זיך מחיה!

אַ מינוט...

וויפיל דויערט אַ מינוט ?
געוועגדט זיך ווען...

אַ מינוט אין פרייד —
אַ רגע.
אַ מינוט אין לייד —
נאָענט צו אומענדלעך . . .

שיק דיין הילף אין גיכעניש,
גרויסער האַר !
זע ווי לאַנגזאַם אַ מינוט,
אין שווערן צער !...

ווי שווער די שטראָף פון „צייט"...

גאָט ! באַהיט פון ווייַ !
זעכציק רגע'ס ווייט —
דורות זיינען זיי !...

ביז די זעכציק רגע'לעך
אין צאָל —
ווערט מען גרוי און אַלט אמאָל...

א. לוצקי

אָן אַ סוף

סוף —
פאַר מיר די גרעסטע שטראָף.

מיין לעבן דאַרף זיך ראָלן נאָכאַנאַנדער,
נאָכאַנאַנדער איבעראַנדער.

איך בין יעדע ווייל באַניי אַן אַנדער.

איך — האָב ליב —
מיין לעבן ציט זיך.
אַז סע ציט זיך —
טוט זיך.

אַז סע טוט זיך —
מוט זיך,
גוט זיך.

אַז סע גוט זיך —
מיהט זיך,
ליד'ט זיך,
בליט זיך,
פליט זיך!

פון אלדאס גומס

איך — האָב ליב —
סע שאַפט זיך,
סע גאַפט זיך,

סע טרעפט זיך,
באַהעפט זיך,
רויש זיך,
ראַשט זיך,
איבערראַשט זיך!

וועלט! — מיין לעבן!

א. לוצקי

חברים, שרייבער!

חברים, שרייבער!

אַ סך פון אונדזערע — זיינען שוין נישטאָ,
מיר — זיינען נאָך דאָ.

לאָמיר שאַנעווען דאָס וואָרט פון אונדזער שריפט,
לאָמיר נישט פאַרהפקרן
דאָס וואָרט פון אונדזער לשון.

זויבערער,
צויבערער,
ליכטיקער,
יידיש!

מיר, דער „סנהדרין" פון איצטיקן דור.

מיר האָבן נאָך גרויסע מסיבות
פון לייענער וואָס לערנען
דאָס שרייבן אונדזערס.

לאָמיר היטן מיט כבוד
דעם אייגענעם איך,
אונדזער יידיש,
און אונדזער פאַרטייטשער.

לאָמיר נישט פאַרשוועכן
דאָס אייגענע לעבן,
דאָס איינציקע לעבן.

פון אלדאס גוטס

כדאי האַלטן ערלעך דאָס ביסעלע צייט,
וואָס איז נאָך אין גאַנג —
מיט אונדזער פאַרלאַנג...

שווינט זיך!
עס לווינט זיך!
חברים, שרייבער!

לאָמיר נישט גערעכטן —
דעם אומגערעכטן...

פאַרלייקענען עכטס —
און באַגילדענען שלעכטס —
פאַראומערט, פאַראָרעמט די אייגענע ווערטן.

ווי לאַנג נאָך — אויף לאַנג נאָך —
דער לייענער איז דאָ,
און מיר זיינען דאָ, —
לאָמיר זיך לויטערן,
לאָמיר זיך לייטערן,
לאָמיר זיך אמתן,
און טאַקע אויף דער אמתן...

איך מיין עס איך!
און איך מיין עס מיך!

א. לוצקי

וואָס איז גליק?

וואָס איז גליק?
— ווי פאַר וועמען.
פאַר איינעם איז גליק אַ מיליאָן.
פאַר איינעם איז גליק זיין קינד.
פאַר איינעם איז גליק זיין ליד.
פאַר איינעם איז גליק אַ „טרונק".

דער מענטש וואָס איז קראַנק —
און זעט נישט קיין הילף —
פאַר אים איז אַ גליק —
שטאַרבן.

פאַר וועמען טויט —
דער שרעקלעכסטער געבאָט.
פאַר וועמען טויט —
דערבאַרעמדיקער גנאָד.

וואָס איז בעסער?
זיך „יאָגן" אין דער וועלט —
און גיין פון דער וועלט,
צי „גייך" אין דער וועלט
און זיין אין דער וועלט?
טאַקע, וואָס איז בעסער?

מען זאָל גאָרנישט געפּריוווט ווערן —
צו וואָס מען קען געפּריוווט ווערן.

די טויטע
לעבעדיקע וועלט

פון אלדאס גוטס

אַ וועזן אין מיין הויז

איך האָב אַריינגעקראָגן אַ וועזן אין מיין הויז.
אַ בוימעלע אַ קינדעלע...

אַ בוימעלע אין אַ ערדן טעפּעלע.
דאָס טעפּעלע — די גרויס אַן עפּעלע.

דאָס בוימעלע רעדט — מיט בלעטער געבעט:
מענטש, קוק זיך אום אויף מיר,

היט מיך אָפּ,
זע מיך צו.
פּאַס אויף מיר אויף...

שטעל מיך צום אָפענעם פענסטער.
און גיב מיר וואַסער.

איך האָב ליב זון,
איך האָב ליב טוי,
איך האָב ליב לופט,
איך האָב ליב גוט.

לאָז מיך זיין ביי דיר,
און לאָז מיך זען די וועלט...

א. לוצקי

גערעטעוועט אַ בוימעלע

דאָס בוימעלע שטייט ביים אָפענעם פענסטער.
דאָס טעפּעלע ערד איז דעם בוימעלע׳ס מאַמע,
זיין מילך איז וואַסער.

דאָס בוימעלע האַלט זי פאַרפלאַנצט
אין איר האַרצן,
און ניאַנטשעט דאָס בוימעלע.

נאַ דיר, מיין קינדעלע,
זויג מיך, זויג מיך,
בוימעלע מיינס, נשמה׳לע מיינס.

זאָלסט זיין און זיין,
און נישט אויפהערן זיין,
מיין קינדעלע מיין...

זאָלסט בליען און ציען
און אויסוואַקסן גרויס
צום הימל פון הויז...

דאָס בוימעלע בליט,
דאָס בוימעלע צווייט,
דאָס בוימעלע ציט...

אַמאָל אָבער טרעפט מיט דער מאַמען אַ טרעפן,
עס זאָל זיך נישט טרעפן...
אַז וויי, צו איר לעבן,
זי האָט נישט דעם קינד וואָס צו געבן.

פון אלדאס גוטס

די מאַמע אָן וואַסער —
ווערט בלאַסער און בלאַסער.

פאַרדאַרט און פאַרטריקנט
דער מאַמע־ערד'ס פּנים,
איר בוימעלע נעבעך
מיט טויטע סמנים.

דאָס בוימעלע צאַנקט,
דאָס בוימעלע בלאַנקט,
צום אומקום געבויגן...

געוואַלד, ווער דערהאַלט
מיין קינד ביים לעבן!
אַביסעלע נאַס
מיין בוימעלע געבן!

געכאַפּט אַ כוס וואַסער,
און גיך דעם געגעבן.

געראַטעוועט מיין בוימעלע.

א. לוצקי

קדיש נאָך אַ בוימעלע

פאַרמאָגט אַ בוים,
אַ שיינעם בוים,
אַ בוים אַ טרוים.

אַזוינס נאָר איינס —
געוואָרן קיינס.

געוועזן אַ איינער —
איצטער איז ער קיינער.

פון אַלדאָס גוטס
געהאַט דער בוים.
געהאַט, געהאַט.

געהאַט זון,
געהאַט ווינט,
געהאַט טוי,
די ענדע — אוי.

געלעבט אַ בוים —
ער לעבט נישט מער.

גיי פאַרשטיי,
און גיי דערגיי,
אייביקס גיי...

וואָס פּאַסירט ?
עס האָט פּאַסירט.

פון אלדאס גוטס

איבער נאַכט — אַ קאַלטע נאַכט,
איך כאַפּ זיך אויף —
איך זע זיין סוף.

דער טאָפּ איז דאָ,
די ערד איז דאָ,
דער בוים איז דאָ,
דאָס לעבן זיינס —
איז מער נישטאָ.

טויטע צווייגן,
טויטע בלעטער,
איינגעדאַרטע,
איינגעקוואַרטע,
ווי, אוי ווי!
מער נישטאָ צו דערקאָנען זיי!..

מיין בוימעלע — אַ מת!

גיי פאַרשטיי,
און גיי דערגיי,
אייביקס גיי...

א. לוצקי

אַ בוימעלע מיט פינף דורות

איך קאָן איך אָנזאָגן אַ בשורה:

מיין בוימעלע אין טעפּעלע
האָט שוין אַן אור־אור־אייניקל.
און איך — בין נישט געווען ביי זיין געבוירן.
געווען אַוועק,
איך קום צוריק —
דאָס אור־אייניקל האָט שוין אַ קינדעלע.

געווען פיר צווייגן, מיט פיר בלעטלעך,
פאַראַן שוין פינף צווייגן, מיט פינף בלעטלעך.
פינף דורות.

דער ערשטער זיידע צוויג —
אינגאַנצן איינגעבויגן מיט זיין אַלטן בלאַט.
די עלטער בויגט אַראָפּ.

זיין בלאַט איז דוקא גרין,
אָבער נישט קיין פרילינג גרין.
ער קוקט מיר אויס אַהין...
אוי, אַהין...

דעם אַלטן זיידנס זון —
איז אויך אַ זיידע שוין.

דער צווייטער זיידע צוויג
פאַרמאָגט אַן אייניקל —
פאַרמאָגט דאָס אייניקל שוין אויך אַן אייניקל...

דאָ זעט מען קלאָר די דורות ווי זיי קומען אויף,
און קומען אָפּ.
יעדער צווייג און בלעטל וואָס איז אינגער —
שטייגט אַריבער יענעם צווייג און בלעטל
וואָס איז עלטער.

דאָס אינגסטע צווייגעלע איז העכער איבער אַלע...

די ערשטע עלטער זיידעס צוויי —
ווײ, ווײ,
באַזונדער שמאַכטן זיי.

די לעצטע דריי —
ווייזט אויס זיי האָפן נאָך
אויף אַי אַי אַי...

אַלע דורות — איין משפחה...
יעדער דור פאַרדומעט
מיט זיין אייגענער מערכה.

ביי מיר אין הויז —
אין טעפּעלע פּעלד —
איז טיף פאַרקלערט די גאַנצע וועלט.

א. לוצקי

אַ בוים האָט זיך גע׳חלומ׳ט

אַ הויכער בוים, אַליין אין פעלד,
מיט דינע, ווייכע ווייטע צווייגן,
חלומט אַ חלום:

ער אַליין אַ וואַלד —
און ער שרייט געוואַלד.

די בלעטער — אַ מיש־מאַש,
אַ צעטויש, אַ צעטאַש,
אַ פייער מיט אַ האַסטיקן קוראַזש!

אַ צעפלאַקער,
אַ צעאַקער,
די צווייגן אַ צעקנאַקער!...

שוין באַלד צו מיר אַ סוף!
באַלד אַן עק!...

כאַפט ער זיך אויף צום ארויף
מיט א רויש,
מיט א רעש,
מיט א גרוים איבערראַש.
פון דעם חלום א מיראַזש...

פון אלדאַם גוטס

דערזעעט ער סאַ חלום,
אַלעם בשלום.

אַ פייער נישט געווען,
אַ שרפה נישט פאַרלאָפן,
גאָרנישט געטראָפן.

פעלד איז אַ פעלד,
בוים איז אַ בוים,
וועלט איז אַ וועלט.
וועלט איז כסדר

מיט אייביגקייט שטייגער...

שטילט ער זיך איין
דער וואַלדיקער בוים
נאָכן פייערדיקן טרוים

א. לוצקי

אַ פליג איז אַזוי

אַ פליג איז אַזוי:
זי טשעפּעט זיך אָן אין אַ מענטש —
נישט פּטור צו ווערן.
אַזוי איז אַ פליג.

אַ פליג איז אַזוי:
אַפילו זי וויל נישט —
וויל זי.

דאַכט זיך מאַט,
שוין אָנגעפלויגן זיך גענוג,
נאָך אַ ווייל אַ פלי.

דאַכט זיך זאַט,
שוין אָנגעגעסן זיך גענוג,
נאָך אַ ביס אַ צי.
אַזוי איז אַ פליג.

אַ פליג איז אַזוי:
צוויי מענטשן זיצן.
בייסט זי איינעם,
און דעם צווייטן מיידט זי אויס.

פאַרוואָס דעם איינעם בייסן יאָ,
פאַרוואָס דעם צווייטן בייסן נישט,

ווער קאָן וויסן,

פון אלדאָס גוטס

אַזוי איז אַ פליג.

אַ פליג זשומט אַ ניגן —
נאָר ווען זי פליט.

זינגט זי פרייד?
וויינט זי ווי?
ווער קאָן וויסן?

אַ פליג איז אַזוי:
זי שמעקט אַ עסן —
פליט זי צו.

געפעלט איר דאָס עסן —
שטייט זי און עסט.
זי וויל עס נישט עסן —
אַ פלי, און פאַרגעסט...

אַ פליג איז אַזוי:
טרעפט זי האָניק —
כאַפּט זי אַ לעק.

טרעפט זי עסיק —
שפּאַנט זי אַוועק.

אַזוי איז אַ פליג.

א. לוצקי

אַ פליגעלע זוכט

אַ בלעטל פּאַפּיר נעבן מיר,
די פּען אין דער האַנט,
איך וואַרט...

איך זוך אין דער שטיל
מיטן שטורעם אין מיר —
דאָס וואָרט, דעם זאָג,
צום מענטשנ׳ס פּלאָג,

מיט זיין מי,
מיט זיין צי,
מיט זיין פּלי,

וויסן דאָ,
וויסן דאָרט,
אין דער הויך איבער הי! . . .
ביז זיין לעצטן צעצי...

אויף דעם זעלבן פּאַפּיר —
יאָגט זיך אום
אינדערגיך
אַ איך
מיט אַ יאָך
מיט אַ קאָך ...

אַ באַגייסטערטער איז,
„אַ ריז" —

פון אלדאס גוטס

די גרוים
ווי אַ טייל פון דעם פינטעלע דאָ. —

א פליגעלע גראָ,
ווי נישטאָ —
און ס'איז דאָ!...

סע זוכט
אין דער שעה
פון דאָ
און סע שטוינט;

זע נאָר דאָ!
זע נאָר דאָרט!
ווייטער נאָך!...

און סע זוכט
ווי א איך,
ווי אַ איר,
אַלע מיר!

מיט אַ צי —
מיט אַ פלי —
ווי‎סן דאָ,
וויסן דאָרט,
אין דער הויך איבער הי!...

ביזן לעצטן צעצי...

א. לוצקי

א מילבעכע רעדט צו איר מילבעלע

אַ מאַמע מילבעכע
רעדט צו איר מילבעלע,
די גרויס אַ ברויזעלע.

זאָלסט נישט וויסן פון קיין שלעכטס —
מיין טייער מילבעלע.

זאָלסט נישט וויסן פון קיין מענטש —
מיין טייער מילבעלע.

זאָלסט זיין געזונט אויף אַלע פיסעלעך —
און רו זיך אָפּ צוביסעלעך.

זאָלסט וואוינען אין אַ בוך —
וואָס קיינער לייענט אים נישט,
וואָס קיינער מישט אים נישט.
זאָלסט זיך דאָרטן נערן,
און קיינער זאָל דיר דאָרט נישט שטערן.

זאָלט עסן און הנאה האָבן
פון אַלע אותיות...

קריג זיך נישט מיט שכנים מילבן.
דאַרפסט נישט פאַרגעסן:
אַלע מילבן ווילן עסן.

פון אלדאס גוטס

שלאָף אין אַ פּינטל.
שטילער איינצושלאָפן.

שטעל זיך שלאָפן פרי,
און כאַפּט זיך אויף שפּעט.
שלעפּ זיך ניט אום ביידערנאכט.

זאָלסט נישט וויסן פון קיין מכות,
פון רומאַטעס,
און פון האַרץ אַטאַקעס.

זאָלסט מיר לעבן
און דערלעבן אָן אַ שיעור —
ווי קיין מילבעלע נישט פריער.

עס זאָל מיט דיר געשען אַ נס;
זאָלסט לעבן אַ מעסלעס.
גאַנצע פיר און צוואַנציג שעה
זאָלסטו לעבן אויף דער וועלט דאָ...

און אַז דיר, מיין קינדעלע,
וועט זיין דאָ גוט —
וועט דיין מאַמעניו אין הימל —
אַוואַדע זיין גוט.

א. לוצקי

אַ ברויזעלע פליט אַרום

אַ ברויזעלע פון עפּעס —
פליט אַרום ביי מיר אין צימער —
ווי אַ לעבעדיקער וועזן.

סע דרייט זיך,
און סע פרייט זיך.

אַט כאַפּ איך עס! —
איך כאַפּ עס ניִשט.
דאָס מת׳ל איז געשווינדער
פון מיין לעבעדיקער האַנט.

סע שוועבט אַלערהאַנד.

דאָס עפּעסל פון עפּעס —
פלאַטערט אום,
און קוקט אַרום:

אַ לאָמפּ! — ווער איז „ער״?
אַ שאַפע! — ווער איז „דער״?
אַ פולע הויז מיט ליידיגקייט —
אַ ים פון לער!

אַ הויב זיך אויף —
אַ פלי אַרויף —
נאָך ווייט צום סוף!

פון אלדאס גוטס

דאָס ברויזעלע איז דאָ צוריק.

טראָגט זיך אום
און קוקט אַרום:
אָן אַ שיעור אומעטום!

אַ טיש,
אַ פּלייצע פון אַ שטול דערביי,
דאָס פליערל —
געדרייט זיך זיי פאַרביי.

אַ פאַל אַוועק — אַ שרעק!

אַ טשעפּע צו —
אויף אייביק רו!

סע לאָזט זיך נישט!..
דאָס טריפּקעלע —
דאָס ברויזעלע —
פלי, פלי, פלי!

אַ טויטער לעבן! —
וויל עס אייביק שוועבן!

אַפילו טויט האָט לעבן!

איז טויט טויט?!

א. לוצקי

מיין פייגעלע אין שטייגעלע

מיין פויגעלע אין שטייגעלע —
שוין זאַט,
מאַט.

גענוג געזונגען,
גענוג געשפּרונגען,
אָפּרוען די לונגען.

געזאַנג צו לאַנג —
מאַכט מיד,

אַפילו ליד.
אַפילו עסן...

נאָכאַנאַנד עסן —
ווערט דערעסן.

מעגסט פאַרגעסן
אַביסעלע אין עסן.

זיך בעסער באַזעצן,
און זיצן פאַרזעסן,
פון אַלעס פאַרגעסן.

פאַרשטילן,
פאַרטוליען —
געשמאַקער פון הוליען.

פון אלדאס גוטס

— שטיל אין דעם שטייגעלע
זיצט זיך מיין פויגעלע.
רואיק דאָס קעפּעלע,
זאָרגט מיט אַן אויגעלע.

פויגעלע פּוכינקע —
פעדערן פעסעלע,
בייכעדיק שלעסעלע...

אַזוי זיצט פּאַרטוליעט
אַ פּוכינקע פויערטע.

אַזוי זיצט אַ יידענע
יידיש פּאַרטרויערטע.

אַזוי זיצט מיין פויגעלע
וועלט'ס אַ באַדויערטע...

א. לוצקי

א פויגלשע רעזאָלוציע...

אַ טייך אויפן פעלד.
שוין באַלד פאַרנאַכט.

אַ טונקעלער ספער.

דער טייך — דעם צעפלאָסענעם —
דראָשטשעט דאָס לייב.
זיין הויט איז פאַרלאָפן מיט שוידער.
דעם טייך איז קאַלט.

ער בליאַסקעט מיט שוואַרץ.
ער גייסטיקט מיט עלנט.

אינמיטן דעם טייך איז אַ רונדיקער שטיין —
אַ גרויע טריבונע.

אויפן טרוקענעם שטיין — שטייט אַ פויגל.
אַ פויגל אַ ווייסער מיט געלע שטרייפן.
ער שטייט „אָפיציעל"...

קענטיק אין האַלטונג — אַ פויגל אַ יחוס.
דער פויגל באַפּוצטער פירט דורך אַ שליחות
פון גרויסער באַדייטונג.
אין שוויַיג־באַריכות...

פון אלדאס גוטס

ער קערוועט זיין בליק איבער לאַנדשאַפט געשפּרייט,
אין דער אָפענער ברייט,
מיט זיין קרויניגן קאָפּ,
מיט אַ שפּיץ צו דער הויך,
אין אַ שטרענגקייט באַגלייט...

די וואַכזאַמע שטיבלעך, מיט פענסטערשע אויגן,
אויף באַרגיקער הויכקייט
מיט גרייטער דערוואַרטונג
דעם פויגל אַקעגן...

די זון איז פאַרשטעלט.
אַ דראַסטישע שטילקייט.

געאַכפּעטער פויגל, מיט פליערשער וויזיע,
פירט דורך אַ רעוויזיע שטייענדיקערהייט
אינמיטן דעם טייך —
האָריזאָנטאַל...

א. לוצקי

א גרויסער פויגל וויינט

פאַרטאָג אין באַגינען,
און שפּעט נאָכן טאָגן,
הער איך דיך פֿויגעלע
וויינען און קלאָגן.

דו פּליסט איבער דעכער,
דו שפּרינגסט אויף די צווייגן,
וואָס קענסטו ניט רוען?
וואָס קענסטו ניט שווייגן?

דו וויינסט אַ געיאָמער
וואָס פּייניקט מיין לעבן.
איך פיל אַ גרויס אומגליק
איז דאָ אין דיין שוועבן.

אפשר דיין ליבינקער האָט דיך פאַרלאָזן?
אַליין מיט דיין קינד דיך
אויף הפקר געלאָזן?

אפשר דיין מאַמעניו שטיל און פאַרבאָרגן,
פאַרמאַטערט געוואָרן
און דאָרטן געשטאָרבן?

אפשר דיין קינדעלע לאַנג שוין פאַרפלויגן?
רופסטו איר: פֿויגעלע!
און קוקסט אויס די אויגן.

פון אלדאס גומס

דו זוכסט אין די גערטנער,
דו קוקסט אין די פענסטער —
אוואו איז מיין פויגעלע,
פויגעלע שענסטער?

ביינאכט אין א רעגן,
בייטאג אין דער ליכטיק,
פארציטערט דיין רופן,
פארצאפלט דיין פרעגן.

דיר גייט ניט קיין שלאפן,
דיר גייט ניט קיין עסן,
דיין פויגעלע ווילסטו —
דו קאנסט ניט פארגעסן.

דו שטייסט אויף א קוימען
און יאמערסט דיין קלאגן.
דו שרייסט צו די ספערן
זיי זאלן דיר זאגן.

— די ספערן, די ספערן
זיי שרייען דיין שרייען,
און איך — הער דאס שרייען
פון אלע אונדז דרייען.

א, ווער וועט דערהערן
דער וועלט׳ס אלע ווייצן?
און אלע די פעלקער
און לעבנס דערפרייען!

„טאג", שבת, 23 אקטאבער, 1948.

א. לוצקי

אַ זשאַבעכע מאַמע

אַ זשאַבעכע מאַמע,
רייניקט איר זשאַבקע
מיט אַ לאַפּקע —
אין אַ זומפּ...

די מאַמע זשאַבע
זינגט אין בלאָטע —
אַ האַרציק לידל,
ווי אַ פידל...

שפּרינגערל
זינגערל
פויגעלע
מיינס —
מיין לעבן
צו געבן
פאַר נחת׳ל
דיינס...

דיין מאַמע
אין קבר
וועט קוועלן
פון דיר —

פון אלדאס גוטס

שוין לאנג
דו ווערסט האָבן
פאַרגעסן
אין איר...

אַז ווי
ווערסטו קענען
געדענקען
אין איר —
ווערסט זינגען
און שפּרינגען
פיל העכער
פון מיר.

איך הער
אין דיין קוואַקע
דיין לויטער
געשריי —
ניט אַנדערש
נאָר טאַקע
דו וואַקסט
אַ סאָלאָוועי . . .

אַ מענטשעכע מאַמע,
אַ זשאַבעכע מאַמע,
אַ מאַמע איז אַ מאַמע . . .

א. לוצקי

אַ טויט פליערל

אַ טויט עפּעסל פלאַטערט...
סע דרייט זיך, און סע פרייט זיך,
און פאַרגייט זיך מיט אַ גלוסט —
ווי „באַוואַוסט״...

סע טראָגט זיך מיט אַ דרייסט —
ווי סע ווייסט,
ווי סע פילט, ווי סע זעט,
וואו ס׳איז אָפן, וואו פאַרהילט...

דאָס עפּעסל, דאָס טויטע —
פאַלט אַראָפּ,
און רוט זיך אָפּ...
סע הויבט זיך אויף,
און פליט אַרויף...

אַ נייער פלי,
אַ נייער צי,
מיט נייעם מי...

וואָסער אָנהויב?
וואָסער סוף?

שוועבט אַרום,
דאָס עפּעסל
לעבט אַרום,
אָן אַ אָנהויב,
אָן אַ סוף...

איז טויט — טויט?...

אַ בוים אין טאָפּ

מיין בוים אין טאָפּ —
געהויכט און גרויס.

אַ בוים — אַ הויז — באַוואוינט מיט בלעטער,
אַן אָ שיעור בלעטער,
עלטערע, אַלטע, מיטעלע, יונגע —

בלעטער המון...

דערביי דעם עולם —
דער „בית עולם"" !
דאָ אויפן אָרט —
זיין, „הייליק אָרט"...

בלעטער מתים.
דערשלאָגענע,
פאַרפלאָגענע,
געפאַלענע,
פאַרפאַלענע,
אַראָפּגעפאַלענע.

דאָ איז לעבן — טויט דערנעבן...
טויט און לעבן — שכנים...

אויפן בוים —
אַ בלי אַרויף,
אַראָפּ פון בוים —

דער סוף...

א. לוצקי

דער העלפאַנט

צווייי אין דער וועלט;

אַ העלפאַנט — אַ ריז,
אַ מערעזשקע — ביי זיינע פיס.

וואָס דער העלפאַנט האָט אין וואָג —
וואָס דער העלפאַנט עסט אַ טאָג —
נישט דער מערעזשקעס פאַרטראָג,
נישט דער מערעזשקעס פאַרמאָג.

אָבער שווער
צו וויסן ווער
האָט שכל מער...

טאַקע, ווער,
האָט שכל מער?
העלפאַנט ריז — מיט זיין געהויב,
מיט זיין דערהויב?

צי אונטן דאָרט
דאָס מילבל דרויב
אַ לויפל שטויב...

עס קאָן נאָך זיין:

די מערעזשקע
ביי העלפאַנטס פיס —
האָט ליבע מיין
פון העלפאַנט ריז!...

ל ו צ ק י ז מ ע ן

אונדזער פאָלק ישראל

פון אלדאס גוטס

לוצקיזמען

1

אַ מענטש,
אַ פליג,
אַ מילב,
אַ מערזשקע,
אַ טיגער,
אַלע זוכן גליק אין לעבן.

2

יעדער נישט קענער
וויל איר זאָלט מיינען
אַז ער קען.

3

אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט —
וויל נישט איר זאָלט וויסן
אַז ער ווייסט נישט.
ער וויל איר זאָלט וויסן
אַז ער ווייסט.

4

א פאַרדאָרבענער מענטש
מעג שאַפן דאָס בעסטע —
טאָר מען נישט נוצן.

5

קוק זיך אום אויף דעם מענטש —
וואָס מען קוקט זיך נישט אום.
דערזע דעם מענטש —
וואָס מענטשן פֿאַרזעען.

6

אויף װען דאַרף מען ביכער
וואָס מען דאַרף נישט?
און װען װעט מען נוצן די לידער
וואָס קומען נישט צו נוץ?

7

גיי זאַמל אַ פֿאַרמעג —
אַז מען לאָזט עס איבער.

8

פֿון יאָ ביז ניין —
איז גאָרנישט װייט צו גיין.

9

װי גרױס איז אַ שטיין?
— די גרויס װי ער װייזט.
װי גרױס איז אַ מענטש?
— די גרויס פֿון זיין גייסט.

10

דאָס הארץ פון א זייגער
בלייבט שטיין —
פאַריכט עס א מענטש
און דער זייגער „נעמט" גיין.

דאָס הארץ פון א מענטשן
בלייבט שטיין —
נישטאָ נאָך דער מענטש,
זאָל עס מאַכן גיין.

11

מענטש!
„יענער" —
איז אויך „א מענטש!"...

12

דער גרעסטער קינסטלער
דאַרף דעם הויב
פון מענטשנ'ס לויב.

13

איך דריי מיך אַרום
אין רוים — טרוים —
און מיין ס'איז וואָר...

14

א מענטש דאַרף האָבן זייער ווייניק —
צו האָבן אַ סך...

15

ווען מענטשן מיינען
דאָס לעבן איז גאָרנישט —
האָבן זיי גאָרנישט,
אַפילו ווען זיי האָבן.

16

אַוואו מען וועקט —
וועקט זיך אויף.

אַוואו מען רופט —
רופט זיך אָפּ.

אַוואו מען שרייט —
שרייט צוריק.

17

מיט אַלע וויסנס אין דער וועלט,
מיט אַלע חכמות צו פאַרשטיין —
פעלט דעם מענטש נאָך זייער פיל,

18

דעם אמת'ן קינסטלער
איז ליב דאָס לעבן.

דעם אמת'ן שאפער
איז גרינג אויפן הארצן.

דער אויפטוער טעטיקט
מיט גוטן נעמיט,
מיט וואוילזיין.

דער טיכטיקער,
וויכטיקער,
ליכטיקער מענטש —
איז אויפגעריכט,
ער איז יום־טוב.

19

לויב דעם מענטש
בשעת ער לעבט —
וועט ער האָבן פרייד.
נאָכן לעבן לויב —
נישט פאַר אים די רייד.

20

שיין אליין איז נישט גענוג.
עס דארף זיין נאָך ;
תוך.

א. לוצקי

21

אַמ האָט איר אין קורץ
דאָס גאַנצע לעבן:
אַ חתונה דאָ,
אַ לויה דערנעבן.

22

אפילו די גרעסטע — וויגען נישט גרוים.
הייגט, וואָס זיינען שוין די גרויסע?
אַ וואָסער פּנים האָבן שוין די מיטעלע?
די געווינלעכע —
אפשר זיינען זיי די „גרעסטע?"...

23

אַ מענטש איז געזונט —
דאַרף ער נישט קיינעם.
אַ מענטש איז קראַנק —
האָט ער נישט קיינעם,
אפילו נישט זיך איינעם...

24

אַזויפיל נאַרונג צום לעבן,
אַזויפיל רפואות צו ווערן געזונט,
פאַרוואָס שטאַרבט מען?

25

וואָס דאַרף מען שרייבן אַ סך
און „זאָגן" ווייניק —
בעסער שרייבן ווייניק
און „זאָגן" אַ סך.

26

וואָס מער איך ווייס נישט —
וואונדער איך מער.
וואָס מער איך וואונדער —
שאַף איך מער.

27

דורות וועלטן גייען אונטער,
און עס לעבט נאָך אַלץ די וועלט.
און מען דרייט זיך, און מען פרייט זיך,
און עס פעלט נישט — ווער עס פעלט...

28

קורץ לעבן טויג נישט.
לעבן צו לאַנג טויג אויך נישט.
אינגאַנצן נישט געבוירן ווערן —
טויג אָוודע נישט.
וואָס — טויג?...

29

איך שרייב פאַר כינעזער,
יאַפּאַנעזער, הינדונעזער,
מוסולמאַנער, טשיליאַנער,
און אַוודאַי אידי׳אַנער . . .

פאַר אַלע פעלקער איז מיין ליד,
פאַר אַלע פעלקער מיין גוטער געמיט.
מיין גאַנצער פּאָעטישער געבן —
געזאַנג צום לעבן.

30

איך בין גאָרנישט אַזאַ חכם —
וויפיל חכמה סאיז דאָ אין מיינע לידער.

איך בין גאָרנישט אַזאַ קענער —
וויפיל וויסן עס באַלויכטן מיינע שורות.

די גאַנצע וועלט ביי מיר — איז זמירה...
מיין גאַנצער באַנעם —

31

ווי קאָן איך פילן איינגאַנצן גוט —
מען שטאַרבט...
עטלעכע שיינע קלוגע שורהה׳לעך —
און שוין.
באַקומסטו פון לייענער דיין לוין.

מיט ליבע איז אַזוי.

ליבט מען איינע —
אַלע קיינע.
אָן אַ איינע —
וויל מען אַלע,
אַלע — מעלה,
אַלע — „כלה"...

איך האָב ליב — ליב,
ביי מיר איז ליבע — ס׳לעבן.

איך לעב מיט דער פרייד —
וואָס איך האָף ערשט צו דערלעבן.

נישטאָ אין מיר די קליינקייט
צו האַלטן זיך גרויס.

איך לאָז זיך נישט פאַרפירן
פון דעם רשע׳ס רייד,
אַז אַלע מענטשן זענען שלעכטע.

ליבער גלויב איך דעם באַשייד ;
די מערסטע מענטשן לעבן ערלעך,
בלויז געציילטע — אומגערעכטע.

א. לוצקי

אַ גוטער מענטש טוט גוטס —
אַפילו אָן זיך וויסן.

יעדער מענטש
האָט אָפּגעשפּאָרט אַ וויסן —
וואָס דער אַנדערער ווייסט נישט,
אָדער שוין לאַנג פאַרגעסן.
הערט זיך איין וואָס יענער זאָגט.

אַ מענטש לעבט אויס זיינע יאָרן,
און קומט אויף „יענער וועלט"
מיט גאַנצע ביינער —
מעג ער „דאָרטן" בענטשן „גומל".

אַ רעדנער, וואָס האָט נישט קיין שכל
ווען צו ענדיקן —
דאַרף כאָטש האָבן דעם שכל
גאָרנישט אָנצופאַנגען.

דערווייל — אַ שמחה,
די לויה — וועט זיין שפּעטער . . .

אַ מענטש קריגט אַ צייכן אויפן שטערן,
פאַרבלייבט שוין דער צייכן אויף יאָרן
פאַרקריצט אינ׳ם קבר...

אַזוי אויך אַ זאָג אויף אַ מענטשן.
פאַרבלייבט שוין דער זאָג אויפ׳ן מענטשן
פאַרקריצט נאָכן קבר....

פון אלדאס גוטס

שוין טויזנטער יאָרן
פאַררעכט מען די וועלט,
און די וועלט —
איז נאָך אַלץ צעבראָכן.

אַפילו מיט אַלע וואָס זענען נאָך דאָ,
אַפילו ווען קיינער זאָל מער שוין נישט פעלן,
אינגאַנצן פריילעך קען שוין נישט זיין.

אַ מענטש אָן באַגייסטערונג —
האָט נישט קיין פרייד.

דאָס ערגסטע לעבן
האָט צוויי ערליי:
פרייד און ווי.

שטאַרבן האָט איינערליי:
ווי.

טויט — האָט גאָרנישט.
שוין בעסער לעבן...

איינער איז יאָ,
דער צווייטער איז ניין,
און ביידע איזן —
ביזן לעצטן ביזן...

א. לוצקי

איינער „לעבט" —
ביז ער פאַרשוועבט,
דער צווייטער „דאַרבט" —
ביז ער שטאַרבט.

יעדע ווייל
בין איך אויף פּראָבע;
לעבן אָדער שטאַרבן.
און יעדעס מאָל
האַלט איך אוים דעם עקזאַמען:
לעבן.

אַביסל דאַרף איך,
עפּעס קריג איך,
האָב איך באַלד גענוג.

אָבער אויף דעם „באַלד",
וואָס קומט דאַכט זיך באַלד —
וואַרט איך שוין באַלד
דאָס גאַנצע לעבן באַלד...

אַזוי מיט אַ נאַר.

אַ נאַר —
מוז נישט תמיד זיין אַ טיפּוש.
אייב ער איז —
איז עפּעס דער מער מיט אים.

אַזוי מיט אַ חכם.

אַ חכם —
מוז נישט תמיד זיין אַ קלוגער.
אויב ער איז —
איז עפּעס דער מער מיט אים.

איינער „מאַכט" אַ ליד,
אַ צווייטער שאַפט אַ ליד.

איינער „מאַכט" אַ בוך,
אַ צווייטער שאַפט אַ בוך.

אַ דאַנק די „חכמים",
וואָס זוכן פאַרמעגנס צו „מאַכן" —
געניסן מיר, „נאַראָנים",
פון אַ סך גוטע זאַכן.

אַלע מענטשן זיינען מיין משפּחה,
אומעטום געפין איך זיך אין דאָר'היים.

שאַפן קונסט,
און לעבן ערלעך,
איז צום לעבן — שווערלעך.

איינער איז געבענטשט
צו זיין אַ קינסטלער,
אַ שאַפער.

א. לוצקי

דער צווייטער איז פאַרשאָלטן
צו זיין אַ מאַכער,
אַ שאַכער־מאַכער...

אַ נביא —
טאָר נישט זאָגן אַלע טאָג נביאות.
אַ רבי —
טאָר נישט זאָגן אַלע טאָג תורה.

דעם נביא איז ביטער
פריער און שפּעטער;
ווען ער זאָגט נביאות —
גלויבט מען אים נישט.
זיין נביאות ווערט מקוים —
געדענקט מען אים נישט.

שוואַכע קינסטלער
רעדן זייער „שטאַרק"
וועגן קונסט.

די קונסט, וואָס איז גוט פאַר אַלעמען
איז אויך גוט פאַרן אינטעליגענט.
אָבער די קונסט, וואָס איז נאָר פאַרן „אינטעליגענט" —
איז עפּעס נישט מיט אַלעמען . . .

דער אומפּייאיקסטער, איז צו עפּעס פּייאיק,
וואָס דער אומפּייאיקסטער איז אומפּייאיק.
עפּעס קען ער, דער נישט קענער,
וואָס דער קענער קען נישט.

פון אלדאס גוטס

עפּעס ווייסט ער, דער נישט ווייסער,
וואָס דער ווייסער ווייסט נישט.

וואָס טויג דער קריטיקער —
אַז אַלע רייסן אים אַרונטער.

דער לייענער איז אַזוי;
געפעלט אים — לייענט ער,
געפעלט אים נישט — הערט ער אויף.

אין מסיבה מיט אַ שפּעפּערישן מענטש —
איז אַלעמאָל ענטפלעק,
אַלעמאָל צום אָנהויב,
יעדעס מאָל אויפסניי,
איבעררעאַש,
באַרויש.

אין אַ ערלעכער מסיבה
איז נישטאָ קיין סודות.
יעדער פרעמדער קאָן זיך זעצן
און ווערן אַן עדות.

גוט איז גאָרנישט אַזוי גוט
ווי שלעכט איז שלעכט.

גוט איז בלויז נישט שלעכט,
אָבער שלעכט — איז אָן אַ שיעור ערגער.

א. לוצקי

ווּיפיל קונסטן
דאַרף פאַרמאָגן פּאָעזיע ?
אַלע.

די וועלט איז טאַקע צו באַדויערן,
אָבער דער באַוואונדערער —
איז אויפגעגייסטערט פון די טרויערן...

איך וויל זיין קלוג
איידער איך שטאַרב —
און איך ווייס נישט ווי אַזוי.

פאַרשאָלטענע מענטשן שעלטן,
געבענטשטע מענטשן בענטשן.

וויסטע שרייבער —
שרייבן וויסטע שרייבעכץ.

וואָס איז שאַפונג ? —
שלוה...

באַשאַף — איז גאַף.

אַ פיינער מענטש — געפינט פיינס...

פון אלדאס נוטס

אַ מענטש לעבט דורך אין קורצן לעבן
אַלע צייטן.
דערפאַר, איז היינט נאָך ביי,
די תורה פון פאַרצייטן.

דער חכם האָט אַ קלוגן שכל,
דער נאַר האָט אַ נאַרישן שכל,
אָבער ביידע האָבן שכל.

באַזינגען די וועלט אומזיסט,
איז ערלעכער —
ווי באַווייגען די וועלט פאַר געלט . . .

יעדער מענטש איז עפּעס,
אַ טאַלאַנט — איז עפּעס מער . . .

ליבע מענטשן — ליבן מענטשן.

פיינטלעכע מענטשן —
פאַרמיידן מענטשן.

אפילו פריילעך — איז טרויעריק.

פון אַלע שיינע אידייען,
בלייבן די לידער —
געטרוימט צו דערפרייען...

א. לוצקי

גיב אַ מענטש אַ ביסל —
גיט ער דיר אַ סך.
לויב אַ מענטש אַ לויטל —
לויבט ער דיר אַ פּוד.

פון צרות האָט מען גאָרנישט;
בלויז הארצווייטאָק,
אַמאָל קאָפּ-ווייטאָג אויך.

איידער לייד —
שוין בעסער פרייד.

דעם שטאַרקן חולה —
פעלט אפילו כוח
צו וועלן זיין געזונט.
אַפילו „וועלן” זיין געזונט —
האָט ער נישט קיין כוח.
אַזוי נעבעך שוואַך
איז דער „שטאַרקער” חולה.

דאָס גרעסטע גליק אויף דער וועלט —
איז צו זיין אַ פּאָעט,
אַ יידישער פּאָעט,
און מייסטערן יידיש...

פון אלדאס גוטס

אונדזער פאָלק ישראל

ערשטער טייל

א ייד איז התלהבות.

התלהבות אין פעלער,
התלהבות אין מעלות.
התלהבות אין אלע תאווה׳ס.

ביי אונדז א פריינט —
א פריינט ביזן טויט.

ביי אונדז א שונא —
א שונא אויפן לעבן.

ביי אונדז א שיינע—
שיין ווי די וועלט.

ביי אונדז א מיאוס׳ע —
וויסט ווי די ערד.

ביי אונדז א מויד —
א מויד א ברען,

ביי אונדז איז ביטער —
סם המות.

א. לוצקי

בײ אונדז איז גוט —
אַ טעם גן־עדן.

אין אַלע שפּראַכן —
זאָגט מען גנבֿ,
זאָגט מען רשע,
זאָגט מען קענער,
זאָגט מען חכם.
זאָגט מען גבֿיר,
זאָגט מען גאון.

בײ אונדז אַ גנבֿ —
א גנבֿ שעבֿע׳גנבֿ

בײ אונדז א רשע —
אַ רשע מרושע.

בײ אונדז אַ קענער —
אײנער אין דער װעלט.

בײ אונדז אַ למדן —
אַ למדן מופלג.

בײ אונדז אַ חכם —
אַ חכם עתיק.

בײ אונדז אַ גבֿיר —
אַ גבֿיר אַדיר.

פון אלדאס גוטס

בײַ אונדז אַ גוי —
אַ גוי גמור.

בײַ אונדז אַ גאון —
אַ גאון עולם.

אַ ייִד איז התלהבות.
אין אַלע פעלער,
אין אַלע מעלות,
אין אַלע תּאווה׳ס...

צווייטער טייל

בײַ אונדז אַ פראָסט —
ברענט ווי אַ פייער.

בײַ אונדז אַ נאַר —
זאָל גאָרנישט געבוירן ווערן.

בײַ אונדז אַן עקשן —
כאַטש האַק אים און בראָק אים.

בײַ אונדז אַ נישט וועלער —
איז ערגער ווי אַ נישט קענער.

בײַ אונדז אַ שוואַכער —
איז שטאַרקער פון אײַזן
אַז ער האַלט עס אויס.

א. לוצקי

ביי אונדז אַ גביר —
איז רייך ווי קורח.

ביי אונדז אַ קבצן —
אין זיבן פּאָלעס.

ביי אונדז אַ חלוש —
וועט איבערלעבן משיח.

ביי אונדז אַ דאַרער —
דין ווי אַ שטעקן.

ביי אונדז אַ דיקער —
גראָב ווי אַ פּאַס.

ביי אונדז „אַ גוט האַרץ" —
קאָן אַוועקגעבן די נשמה.

ביי אונדז אַ פּאַרדינער —
גייט אין גאָלד.

ביי אונדז אַ באַשרייבונג —
לאַנג ווי דער גלות...

וועןֿ זינגט אַ ייד?
ווען דאָס האַרץ וויינט אין אים...

אַ ייד איז התלהבות.
התלהבות אין פּעלער,
התלהבות אין מעלות,
התלהבות אין אַלע תאוות׳ס.

אַ ייד אַ קמצן —
כאַטש צי זיך אוים פּאַר אַ סענט.

אַ שקרן, אַ ליגנער —
מען טאָר אים נישט גלויבן
פון דאַנען אַהין.

דער שדכן —
קען צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.

אַ ייד אַ שלימזל —
עס פאַלט ביי אים אַלץ
מיט דער פּוטער אַראָפּ.

אַ מענטש האָט מזל —
עס גייט אים דורך טיר
און דורך טויער.

אַ ייד איז התלהבות.
התלהבות אין פּעלער,
התלהבות אין מעלות,
התלהבות אין אַלע תאוות׳ס.

א. לוצקי

געגוג מיט דעם „אמאָל״

הערט שוין אויף באַזינגען אייער אַמאָל,
און הערט שוין אויף באַוויינען אייער אַמאָל.

הערט שוין אויף!
הערט שוין אויף!

נאָכאַמאָל אַמאָל,
און ווידעראַמאָל אַמאָל,
און איבעראַמאָל אַמאָל.

הערט שוין אויף!
הערט שוין אויף·

אין רוסלאַנד אַמאָל,
אין גאַליציע אַמאָל,
אין רומעניע אַמאָל.

„אַ טשערטאַ״ פאַר די יידן איז געווען.

אַ פחד פאַר פאַגראָמען איז געווען.

אַ זיפצעניש געווען אַמאָל,
אַ קרעכצעניש געווען אַמאָל,
אַ יאָכצעניש געווען אַמאָל.

פון אלדאָס גוטס

אַ וויסטער נעכטן איז געווען,
אַ וויסטער מאָרגן איז געווען,
אַ וויסטער איצטער איז געווען.

אַ משפּחה אין אַ צימער איז געווען.

געשרייען מיט געוואַלדן איז געווען,

אַ רבי מיט אַ קאַנטשיק איז געווען,

אַ בית־מדרש מיט געשלעגן איז געווען.

אַ בלאָטע ביז די קניען איז געווען,

און ברויט צו זאַט איז נישט געווען.

אַ גאַנצער מלבוש נישט געווען.
אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן,
וויסט און פינצטער איז געווען.

הערט שוין אויף באַזינגען אייער אַמאָל,
און הערט שוין אויף באַוויינען אייער אַמאָל.
הערט שוין אויף!
הערט שוין אויף!
רעדט פון היינט!
שרייבט פון היינט!
זינגט פון היינט!
מיר לעבן היינט!

א. לוצקי

צווייערליי מענטשן

.1

באַליבטע מענטשן —
ליבע מענטשן.
פאַרהאַסטע מענטשן —
האַסן מענטשן.

.2

אַ פיינער מענטש —
געפינט פיינס.
אַ מענטש אַ רשע —
זעט נאָר רשעות.

.3

אַ פיינטלעכער מענטש —
פאַרמיידט מענטשן.
אַ פריידלעכער מענטש —
פאַרברייננגט מיט מענטשן.

.4

אַ גוטער מענטש —
ווערט בעסער מיט די יאָרן.
אַ שלעכטער מענטש —
ווערט שלעכטער מיט די יאָרן.

געזעלשאַפטלעכע
לידער

װעלכע לאַנד איז מײנע...

מײנע טײערע קינדערלעך,
בײדע צװײ פאַרשײדענע,
און בײדע האָב איך ליב .

מײנע טײערע טאַטע מאַמע,
בײדע צװײ פאַרשײדענע,
און בײדע האָב איך ליב.

װעלכע שפּראַך איז מײנע,
יידיש צי העברעאיש ?
בײדע שפּראַכן, מײנע,
און בײדע האָב איך ליב.

װעלכע לאַנד איז מײנע,
אַמעריקע צי ישראל ?
בײדע לענדער מײנע,
און בײדע האָב איך ליב.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

א. לוצקי

מיין געזאַנג צו אמעריקע

טויזנט מיליאָנען מיט פעלקער נפשות,
אין אַלע פאַר׳חרוב׳טע לענדער אין אַשעס,
שטרעקן די הענט מיט געבעט צו דעם טאַטן —
פאַראייניקטע שטאַטן.

מיין ליד און מיין לויב צו אונדזער אַמעריקע.
אונדזער פרעזידענט.
אונדזער קאָנגרעס און סענאַטאָרס.

אַמעריקע רעדט קלאָר:

מיר הערן די קולות פון לענדער געשרייען,
און ענטפערן באַלד: מיר פאַרנעמען די ווייען,
מיר וועלן אייך אַלע באַצייטנס דערפרייען,

די וועלט האָט אַ טאַטן —
פאַראייניקטע שטאַטן.

מיר שיקן אייך ברויט און מיר שיקן אייך פוטער,
מיר שיקן אייך פיש און מיר שיקן אייך פליישן,
מיר שיקן אייך שיך און מיר שיקן אייך קליידער.

די וועלט האָט אַ טאַטן —
פאַראייניקטע שטאַטן:

מיר שיקן אייך האָלצן צו בויען פאַבריקן,
מיר שיקן אייך טראַקטאָרס צו אַקערן פעלדער,

מיר שיקן אייך אויל, מיר שיקן אייך רעדער,
אין אַלע די לענדער, אין אַלע די זאַנען,
אין ווערט פון דאָלאַרן —
הונדערטער ביליאָנען...

די וועלט האָט אַ טאַטן —
פּאַראייניקטע שטאַטן.

איך זינג צו אַמעריקע, וואָס ראַטעוועט פעלקער,
מיט אַלע געפּלאָגטע — אויך אונדזערע יידן...
איך זינג, מיט די וואונטשן פון אונדז פאָלק ישראל,
צום לאַנד פון די שטאַטן, וואָס פירט צום וועלט־פרידן.

די וועלט האָט אַ טאַטן —
פּאַראייניקטע שטאַטן.

דאָס לאַנד זעט דעם צאָרן, דאָס לאַנד הערט דאָס ברומען,
פון אַלע די פעלקער פאַרצוימטע אין שטומען...
אַמעריקע — דאָס היימלאַנד פון אַלע וועלט׳ס קינדער —
וועט מוטיק באַפרייען די וועלט פון באַצווינגער...

די וועלט האָט אַ טאַטן —
פּאַראייניקטע שטאַטן.

א. לוצקי

ישראל

יידן פֿאַרפֿאָלגטע,
פֿון לענדער פֿאַרפּלאָגטע,

דאָס לאַנד פֿון אומה ישראל איז פֿריי!

מיר, באַפֿרייטע —
צו באַפֿרייען שכנים פֿעלקער.
מיר, דערפֿרייטע —
צו דערפֿרייען שכנים פֿעלקער.

נישט מיט „שוואַרץ" און נישט מיט „רויטן",
נישט דורך האַס און נישט דורך טויטן...

מיט דעם לעבן אונדזער נייעם,
מיט דעם לעבן אונדזער פֿרייען,
וועלן מיר די וועלט דערפֿרייען,
וועלן מיר די וועלט באַנייען.

יעדעס פֿאָלק וועט זינגען שירה
ווי נאָך קיינמאָל נישט געזונגען.
אַלע פֿעלקער פֿריי און פֿריילעך
ווי ישראל וועט צעקלונגען...

איך, דער דיכטער פֿון מיין אומה,
שרייב די הימנע צו „ישראל"...

לאַנד ישראל...

אַזוי וועט זיין:

נישט פאַריאָכן,
נישט פאַרשקלאַפן.
פריילעך בויען,
פריילעך שאַפן.

אַזוי וועט זיין:

נישט קיין אָרימע,
נישט קיין רייכע.
אין ישראל —
אַלע גלייכע.

אַזוי וועט זיין:

א. לוצקי

ביי אונדז און ביי „זיי"

ביי אונדז שטייט אין חומש.
ביי אונדז מאַכט רש"י.
ביי אונדז ברייננגט דער מדרש.
ביי אונדז שכל׳ט משלי.
ביי אונדז פרומט דער תהילים.
ביי אונדז וואָרנט פּרק.
ביי אונדז הימלט זוהר.
ביי אונדז טיפט קהלת.
ביי אונדז זאָגט דער תנא.
ביי אונדז שטראָפט דער נביא.
ביי אונדז זינגט משה.
ביי אונדז שפּילט דוד.
און איך דערפרייי איצטער.
אַלץ ביי אונדז.
ביי אונדז — אלע „מענטשן"...

פון אלדאס נוטס

בײ זײ — איז אַ אָדם,
אונדזוערס אַ עברי,
געװאָרן פארגאָטיקט...

בײ אונדז — אַ מסיבה,
גאונים מרובה,
לתורה וגדולה.

בײ זײ — דער אײנער,
אַ מענטש הויט און בײנער,
געבוירן פון קײנער...
פאַרפלױגן אַלײן ער...

בײ אונדז — דאַרף נאָך קומען משיח!
און דאַן װעט מען טאַנצן
אויף טיש און אויף בענק.
קײן מענטש װעט נישט װיסן
פון אַלט און פון קרענק.

אַ זקן פון טויזנט —
אַ בחורל יונג.
איז לוסטיק און גלוסטיק
און גרינג מיט אַ זינג.
אַלץ בײ אונדז.

א. לוצקי

בײַ אונדז דאַרף נאָך קומען
תחית המתים!
בײַ זײ — שוין נאָך אַלעם...

נישטאָ מער צו וואַרטן,
נישטאָ מער צו האָפן,

אַלץ שוין געטראָפן,
אַלץ שוין פאַרלאָפן.

דער „גואל" געקומען,
און ערגעץ פאַרשוואומען,
און אַלע די גליקן
מיט זיך מיטגענומען.

בײַ זײ — נאָכאַנאַנדער אַ גאָטהײט לויה...

בײַ אונדז דער תנ"ך — איז צום לעבן אַ מחיה!...

דער ייד איז אייביק

דער ייד — איז אומעטום דאָ.
אַ ייד אין פּערו,
אַ ייד אין פּרענסו,
אַ ייד אין בורמו,
אַ ייד אין שפּאַנו,
אַ ייד אין כינו,
אַ ייד אין גריכו,
אַ ייד אין ליבו,

אַלע וועגן,
אַלע שטעגן,
איז דעם יידן אייגן,
דורך דעם אייביק וואַנדער נאָכאַנאַנדער.

אומעטום צעקלינגט ער ליד דער ייד,
אומעטום צערווישט ער מאַרק דער ייד,
אומעטום צעבויט ער שטעט דער ייד.

אומעטום פאַרזייט ער „מאַי" דער ייד,
אומעטום צעשפּרייט ער „פּריי" דער ייד,
אומעטום דערפּרייט ער „ניי" דער ייד.
תורה — איז דער ייד,
סחורה — איז דער ייד,

דער ייד איז אייביק — ווי די וועלט !

א. לוצקי

אַ ייד איז וועלט

אַלע פעלקער־געזאַנגען — מיינע געזאַנגען.
אַלע פעלקער־געוויינען — מיינע געוויינען.
ווייל איך בין אַ ייד.

אין וועלכן לאנד בין איך נישטאָ?
נישטאָ אַזאַ לאַנד.

אַ וועלכע שפּראַך פאַרשטייט נישט דער ייד?
נישטאָ אַזאַ שפּראַך.

אַ וואָסער געזאַנג איז מיר נישט באַקאַנט?
נישטאָ אַזאַ ליד.

שפּילט א טערקיש — בין איך טערק.
שפּילט טשיליש — בין איך טשיל.
שפּילט אַ כיניש — בין איך כין.
שפּילט אַ פּיניש — בין איך פּין.
שפּילט אַ גריכיש — בין איך גריך.
שפּילט אַ יידיש — בין איך איך.

איך בין אַלע —
ווייל איך בין אַ ייד.

ווייל איך קום פון אַלע פעלקער,
ווייל איך וואוין מיט אַלע פעלקער,

זינגט אין מיר פון אַלע פעלקער,
וויינט אין מיר פון אַלע פעלקער.

פון אלדאָס גוטס

אַלע מײַנע דורות ייִדן
פֿון אַבֿרהם, יצחק, יעקבֿ,
האָבן אײביק אומגעװאַנדערט.
אױסגעװאַנדערט,
דורכגעװאַנדערט,
אײַנגעװאַנדערט,
אין די לענדער אַלע אַלע.

איך בין אַלע —
װײַל איך בין אַ ייִד.

איך בין רױמיש און רומעניש,

איך בין שפּאַניש און מאַלאַיש.

איך בין גרוזיש, איך בין דרוזיש,

מעצעדאָניש, גװאַטעמאַליש,

סאַלװאַדאָריש, עקװאַדאָריש,

בראַזיליאַניש און אַלבאַניש.

איך בין אַלע —
װײַל איך בין אַ ייִד.

מיט אַלע פֿעלקער — מײַן געמיט,
װײַל איך בין אַ ייִד.

אַ ייִד איז װעלט!

א. לוצקי

וויפיל מענטשן איז א אומה

וויפיל מענטשן איז אַ אומה?
איינער.
ווער דער איינער?
איך.
איך — בין פאָלק ישראל.

אַזוי דאַרף פילן יעדער ייד.

וויפל מענטשן האַלטן אויף אַ לשון?
איינער.
ווער דער איינער?
איך.
איך —האַלט אויף דאָס לשון יידיש.

אַזוי דאַרף פילן יעדער ייד.

וויפיל מענטשן דאַרפן לערנען תורה?
איינער.
ווער דער איינער,
איך.

אזוי דארף פילן יעדער ייד.

פון וואַנען קומט אַ ייד

פון וואַנען קומט אַ איטאַליענער?
פון איטאַליע.
פון וואַנען קומט אַ כינעזער?
פון כינע.
פון וואַנען קומט אַ פראַנצויז?
פון פראַנקרייך.

פון וואַנען קומט אַ ייד?

פון איטאַליע קומט אַ ייד,
פון כינע קומט אַ ייד,
פון פראַנקרייך קומט אַ ייד,
פון טערקיי קומט אַ ייד.

פון אַלע מדינות קומט אַ ייד.

אַוואו איז דעם יידס לאַנד?
אַוואו ער האָט געלאַנדט — דאָרט זיין לאַנד.

אַוואו ער וואוינט,
און ווערט באַלוינט —
דאָרט זיין לאַנד,
דאָרט זיין היים.

א. לוצקי

אומה׳ס מענטשן, אומה׳ס בוימער

אומה טיביט,
אומה מאַיאַ,
אומה תימן,
אומה טאָטער,
אומה זולו,
אומה גרוזי,
אומה דרוזי,

אַזוי ווי בוימער.
אומה׳ס בוימער:
אומה פּימסן,
אומה צעדער,
אומה דעמבע,
אומה פּאַלמע,
אומה ווערבע,
פּאָלק קאַשטאַנען,
פּאָלק בעריאָזאַ,
פּאָלק מאַנגאָלי,
יוקאַליפּטוס.

אַזוי ווי מענטשן:

פון אלדאס נוטס

ווייסע מענטשן,
שוואַרצע מענטשן,
געלע מענטשן,
ברוינע מענטשן,
רויטע מענטשן.

אַזוי ווי ביימער.
ווייסע ביימער,
שוואַרצע ביימער,
גרינע ביימער,
ברוינע ביימער,
רויטע ביימער.

אַזוי ווי פעלקער:

יעדער איין — מיט זיין געשריי,
פרייד און וויי.
אומה׳ס מענטשן, אומה׳ס ביימער.

א. לוצקי

כבוד דעם געוועזענעם

אַ מאָל האָט ער געפירט,
אַמאָל האָט ער געדרוישט,
אַמאָל.

אמת איז — ער איז נאָך דאַ,

נאָר ער פירט שוין נישט,
נאָר ער רוישט שוין נישט,

מיט אים איז שאַ.

אזוי ווי איינמאָל נישט,
אַזוי ווי קיינמאָל נישט.

— רופט אים אויף!

דערמאָנט אים!

זעצט אים אויבנאָן!
זאַמלט זיך צוזאַמען!

בלעטערט-אויף זיין יוגנט
מיט אַ ווערטער-פעכער
העכער העכער!

פון אלדאס גוטס

„אַמאָל האָט ער געפּירט!"
„אַמאָל האָט ער געשפּילט!"
„אַמאָל האָט ער גערווישט!"

— דער אַלטער וועט עס הערן,
וועט ער מיינען ס'איז נאָך היינט...

זיין פּנים וועט אייך ווייזן
ווי די יוגנט אויף אים שיינט.

דאָס געשאַלן וועט אים שטראַלן,
ווי נביאות טיף אין זיך:

דער אַמאָל איז נישט פאַרפאַלן!

איך — בין נאָך איך! . . .

א. לוצקי

דער קהלשער קאָכלעפל...

דאָרט גיט מען כבוד —
טו זיך אַ רוקל.
דאָ אַ פּאָרדינסטל —
טו זיך אַ בוקל.

דאָרט אַן אסיפה —
„לוינט" זיך באַגריסן.
דאָ איז אַ לעקציע —
לאָז זיי צו ווּיסן...

„דער" האָט די דעה —
שרייב, ער איז „סאַמע"...
„דער" האָט די מאה —
מאַך אים רעקלאַמע.

דער קהלשער קאָכלעפל...

אומעטום וויל „אים",
אומעטום דאַרף „אים",
אומעטום מוז „אים",
אומעטום איז „אים"...

וואו נאָר אַ סעודה,
ער — ביי דער שיסל.
וואו נאָר אַ פּושקע,
ער — האָט דאָס שליסל...

וואו נאָר אַ קלייזל —
באַשפּיגלט זיין וועזן.
וואָס מער די מסיבות —
אים מער צום געזען...

א. לוצקי

די נייע יידישע פליער

אַ רעדנער, אַ זאַמלער,
אַ טוער ביי קהל —
פאַרפאַקט ער זיין רענצל
און פליט קיין ישראל.

וואָס פליען זיי אַלע
אין לאַנד פון ישראל,
— צוליב אינפאָרמירן
דעם דאָהיגן קהל.

נאָך איידער אַ פליער
צוריק פון ישראל —
עס פליט שוין אַ צווייטער
אין נאָמען פון קהל.

עס פליען מסיבה׳ס,
עס פליען קאָמיטעס,
עס גרייטן זיך מערער
אין גרעסערע קיטעס.

אַ קלייניקייט עפּעס
דער יידישער קהל.

פון אלדאס גוטס

זיי ווילן דאָך וויסן
פון אונדזער ישראל!

אַ קליינינקייט עפּעס
מדינת ישראל.
זיי דאַרפן דאָך אוצרות
פון דאָהיגן קהל!

אָ קליינינקט עפּעס
די פירער פון קהל.
זיי מוזן דאָך זען
מדינת ישראל!

וואָס רעדן זיי שפּעטער
צום דאָהיגן קהל? —
„פּאַרפּאַקט אייערע רענצלעך
און פליט קיין ישראל!..”

וואָס ענטפערט דער עולם
צום גרוס פון ישראל? —
ס׳איז גרינג אייך צו פליען
אין „נאָמען” פון קהל!...

א. לוצקי

א זינג און אַ זאָג

איך ווייס, טראַכט דער דיכטער
אַ נעבעך אַ פֿאַרווירטער,
מען לויבט דיר, ביזט גרויס,
און מען גלייכט דיך מיט גרעסער.

צו דיינע פּאָעמען,
מיט דיינע פֿאַרנעמען,
פּירושים צושרייבן,
און וואָס קאָן זיין בעסער?

נאָר וואָס מיר פּאָעמען,
און וואָס מיר פֿאַרנעמען,
און וואָס מיר אַפילו
דיין וואָרט אויפֿן גומען...

דו האָסט זיך פֿאַר׳שיכור׳ט,
דו מיינסט, ביזט דער עיקר׳שט,
דו מאַכסט צו די אויגן —
פֿאַרלאָשן דיין נאָמען...

כאָטש שטעל זיך אַ פֿרומער,
אַ נעבעך, אַ דומער,
מיט טרערן באַדויערט,
און זאָג נאָך זיך קדיש,

פאָרטרעטן

אברהם רייזען

די גרעסטע פּאָעטישע פּערזענלעכקייט
אין אונדזער מאָדערנעם יידיש.

אברהם רייזען —
רייזען קומט אַריין אין קאָפּע
אַ צעשטרייטער.
די וואָנצעס צעשויבערט,
די אויגן צעראַשטע,
די הענט אין דער הויך —
ווי אַ גרויסע טרעוואָגע:
איר הערט, יידן: אַ זינד וואָס מיר לעבן!

געזען היינט אין צייטונג —
טויזנטער — געפאַלן...
און די צייטונג — צעשפּרייט עס נאָך!
אַ שמחה אויף איר!...

און ער פרעגט שטילערהייט,
פאַרטרוילעך, סודותדיק:
זאָגט מיר, איך בעט אייך,
זאָל די צייטונג האָבן צוגעשטעלט אַ נול?

אויף צייטונגען איז אַלץ צו גלויבן.
וואָס זיי צעאַרבעטן נישט!

אַן אַנשיקעניש אויף דער וועלט.
אַלע צרות אויף דער וועלט —

נעמען זיך פון זיי.
זיי לעכצן אזוי נאָך שרעקלעכע נייעס —
ביז סע פּאַסירט טאַקע אויף אַן אמת!

א שרייבער זאָגט צו רייזענען:
איר זענט זייער אַ גוטער מענטש.
ווערט רייזען בייז:
איך בין אַ שלעכטער!
מאַנכעסמאָל אַפילו ברוטאַל.

— איר ווילט מיר נישט גלויבן?
פרעגט ביי לוצקין,
ער איז געניאַל . . .

קוקן די שרייבער אויף אים און שמייכלען . . .
טוט זיך רייזען אַ וויג און צעלאַכט זיך אויף אַ קול:
נו, אַז איר גלויבט נישט!
אַזעלכע רשעים . . .

אברהם רייזען.

יעדן יום-טוב באַזינגט ער מיט אַ ליד.
— קומט ער אין קאַפע
צעשפּרייטן שטימונג פאַרן יידישן יום-טוב.
איר הערט, יידן: אַ פאָלק איז אַ פאָלק.

מיר זיצן אין קאַפע, און מיר מיינען — כ׳ווייס! . . .
און רייזען פאַרקנייטשט דאָס פּנים —
אַקעגן דעם וואָס איר זאָגט: אַלט, ניי.

פון אלדאס גוטס

נישטאָ קיין ניי.
יעדער גוט ליד — איז ניי.
דער עיקר — דער געמיט.
דערפאַר זאָג איך אַלעמאָל:
מ׳טאָר זיך נישט אָװעקרײסן פון פאָלק.
און ער לײענט זײ פאָר זײן יום-טובדיק ליד
אין מאַנוסקריפּט.

רײזען הערט נישט װען ער דאַרף נישט.

אַפילו װען ער קוקט דעם רעדנער גלײך אין די אױגן.
אַדרבא, זע, װי איך הער נישט.

זאָג נאָר דאָס ריכטיקע װאָרט,
װעסטו באַלד דערזען, אַז איך הער.

שרײבער זיצן און רעדן,
און דעררעדן זיך — צום טרױעריקן סוף . . .
אַ מענטש זאַמלט אײן אין פּולע שײערן —
און זשאַלעװעט אַ זערנע.
פאַרלאָזט אים די נשמה,
און דער גוף — פאַרלאָזט אַלץ,
אַ סך-הכל פון אַ מענטש . . .

רײזען פילט זיך פאַרלױרן.

געפאַלן.
פאַרטראַכט מיט די אױגן װײט-װײט . . .
אָבער באַלד דערהױבט ער זיך
און צערעדט זיך זיכער, װי אַ רבי.

א. לוצקי

רואיק,
מיסטיש:
איר מיינט די וועלט איז גלאַט אַזוי? —
פאַראַן טיפע סודות אין דער וועלט.

איך בין נישט רעליגיעז —
אָבער איך גלויב.
איר מיינט די געלערנטע ווייסן שוין אַלץ?
פרעגט זיי בחרם.
אמתע קינסטלער ווייסן מער.

און ער ווענדט זיך צו מיר:
לוצקי, וואָס זאָגט אייך אייער אינטואיציע?

און ער לערנט די שרייבער:
איר פאַרשטייט?
מיטן יעדן אמתן קינסטלער איז גאָט.

די נאַטור וועט נישט נאַרן אַזוי פיל דורות...

גלאַט נעמען מענטשן און ברענגען זיי צו גרונט?...
וואָס מיינט איר עפּעס, אַ שפּילעכל!
כאַפּ־לאַפּ!

איך גלויב אין יושר...

און רייזען פאַרענדיקט מיט טיפע רמזים:
יידן! איר ווילט לעבן אייביק?
שרייבט הערלעך...

אברהם רייזען.

אהרן קאַרלין

רעדאַקטאָר פון ליטעראַרישן זשורנאַל "די פעדער"

אַ פשוטער,
און ערלעכער,
אַ מיטעלער,
אַ רונדער,
אַ געפּאַקטער
איז קאַרלין דער רעדאַקטאָר.

אויף אַ לייכטן פערד און ברידזשקעלע,
אויף גומענע רעדלאַך
אַריינגעפאָרן ראַשעדיק,
אין שרייבערישן „פּאַליש".

מיט קלינגערלער אין קעשעניע,
מיט „יידישע" פאַנטאַזיעס,

און געוואָרן באַלד סימבאָליש
פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

ער גיט אַרויס — אַ זאַמלשריפט
מיט חידוש און מיט פּראַכט —
„טרוימען און ווירקלעכקייט" . . .
אין יאָר ניינצן אַכט. (1908)

באַלד נאָך די „טרוימען" —

א. לוצקי

אַ וואָכנבלאַט:
דער „יידישער גזלן" . . .
תיכּף נאָכן „גזלן" —
אַ וואָכנבלאַט:
„די ליטעראַרישע וועלט".

היינט — „גייט" זיין „פּעדער"
אַלס אַ ליטעראַרישע זאַמלשריפט
איבער אַ פערטל יאָרהונדערט.

מיט יעדער דערשיינונג —
דערשיינט ער פאַרוואונדערט.

אַליין דער רעדאַקטער,

אַליין איר אַנטדעקער.

פון חשובע שרייבער —
דער ערשטער אַנטפּלעקער.

אַהרן קאַרלין דער רעדאַקטער.

ביי גרויסע מייסטער —
אַ שטויבעלע פּאַקט ער.

און איבעריק פינטעלע —
באַלד דערטאַפּט ער.

פעלט וואו אַ קאָמערל —
באַלד דערשנאַפּט ער.

פון אלדאס גוטס

זיין גראבבע פענע —
תיכף כאפט ער.
פארריכט א זילבע —
גאנצע קלאפטער.

געראַ־טע־וועט !
אזוי א, האפט ער . . .

ענגליש — איבערזעצט ער,
יידיש — שרייבט ער,
„אלטע" — לייענט ער,
„יונגע" — „העלפט" ער.

ער לויפט נישט נאך כבוד,
ער זוכט ניט קיין לויב.
אבי נאר דער שרייבער
גיט יידיש — דערהויב . . .

מיט ליבשאפט און מיט אכט,

אהרן קארלין.

(אהרן קארלין, דער רעדאקטאר פון זשורנאל „די פעדער", איז געווען דער ערשטער וואס האט „גע־וואגט" אויף זיין אייגענע מבינות — צו דרוקן מיינע נייע לידער אין זיין אויסגאבע „די פעדער" ווען איך בין אין 1919 צוריקגעקומען פון די „טרענטשעס" ביי ווערדון, פראנקרייך, אלס אמעריקאנער סאלדאט).

א. לוצקי

לואיס סיגאַל

(גענעראַל סעקרעטאַר פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד)

דראַסטיק,
עלאַסטיק,
האַסטיק...

נישטאָ קיין צייט...

הויך־פּאָליטיק...

ווייט ווייט...

אַ פּאָרטראַכט — מיינט באַדייט...

אַ וואונק — מיינט גערעדט.

אַ מינוט — מיינט שפּעט!..

די וועלט — אַ געוואַלד!
ראַטעווען באַלד!
„ישראל" אין געפאַר:
אַ פּלאַן דערפאַר:

אַ רוף קיין לאָנדאָן,
אַ סוד מיט פּאַריז...
אַ פלי קיין ישראל,
צו בן גוריון דעם ריז!..

געפלויגן צוריק,

ער רוישט ווי א קוואל
צו טויזנטער אין זאל...

ער שטייט פאר אן עולם —
די הענט אויף די דיכן,
און רעדט פון דעם ארדן —
פארגלייך מיט משיח׳ן.

ער האלט זיך אזוי —
ווי די מאסן געפעלט.
א מענטש ביי דער מאכט —
באשטימט און באפעלט.

ווער האט באפליגלט
דעם ארדן מיט פליגל? —
סיגאל.

ווער האט צעעפנט
טויער און ריגל? —
סיגאל.

ווער לעגט די חתימה
אונטערן זיגל? —
סיגאל.

דערפון איז צו זען;
דער שפיגל —
איז סיגאל.
לואיס סיגאל.

א. לוצקי

ש. באַנטשעק

(פאַרזיצער שטאַט קאָמיטעט

וויצע פרעזידענט יידיש נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד)

באַנטשעק — אַ בענטשונג.

ווער עס האָט אַ טענה —
אריין צו באַנטשעק.
ווער סע זוכט אַן עצה —
אריין צו באַנטשעק.

און אונדזער ליבער באַנטשעק —
טוט דאָס אַלץ באַזאָרגן.
היינט, אויב מעגלעך איצטער,
ער לעגט נישט אָפּ אויף מאָרגן.

אין זיין ביכל איז פאַרשריבן:

דער — באַדאַרף אַ שטעלע,
יענעם — מוז מען היילן.

דער גייט אוים נאָך כבוד,
מוז מען אים דערוויילן.

יענעם מוז מען „באָרגן",
מען טאָר אים נישט דערציילן...

ש. באַנטשעק.

אויסער אַלע מיהען —
קען ער סתם נישט רוען:

פאַרבאנד, פּועלי ציון,
באַנדס, יידיש שולן,

מיט אַ גלויבעניש, אַ דערהויבעניש...
„אונדזער אָרדן איז קאָלאָסאַל!"
טוט ער פייערדיק אַ שאַל.

„ביים יידישן פאָלק
איז אונדזער פאַרבאַנד
די רעכטע האַנט!"

באַנטשעק אין „פאַרבאַנד" —
אַ טאַנק, האַרמאַט, קאַנאָן.

באַנטשעק רעדט?
באַנטשעק שאַס!

אָבער איידער ער „שיסט" —
צעפּירט ער זיך מיט זאָגעלעך...
אַ מעשה׳לע מיט רייצעלעך,

מיט גלוסטיקע געווירצעלעך...
פון אַלערליי...

און דאַן — דער געשריי...

אַ זעץ אין טיש,
און באַנטשעק שוויצט:

„מיט דרייסיק יאָר צוריק —
לאָזט ער זיך אוועק —
איז דאָ געווען אַ שרעק . . .

דאָס יידישע פאָלק
האָט געוואַנדערט און געוויינט
פון ברעג צו ברעג !"

„מיר ווילן אַ פאַרבאַנד !"
האָט דאָס פאָלק
ניט אויפגעהערט צו וויינען . . .

האָבן עטלעכע חברים,
און איך צווישן זיי —
זיי גענומען פאַראייגען" . . .

„אַצינדערט באַדאַרף איך
שוין גאָרנישט ניט זאָגן . . .
איר זעט שוין אַליין,
וואָס מיר טוען פאַרמאָגן !" . . .

דאָס בוך פון באָנטשעק :
„ווי עס געדענקט זיך" —
געדענקט זיך . . .
עס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן,

ש. באָנטשעק.

דורך און דורך „פאַרבאַנד".
„פועלי ציון".

נחום כאַנין

אַ געשטאַלטער,
אַ געשטילטער,
שמייכל-שכל,
ישוב הדעת.

נ. כאַנין.

אַ מאַרקסיסט,
אַ סציאַליסט,
אַ בונדיסט-ישראל׳יסט...

אַזוי ווי פּאַר פּרומע
די הייליקע שיהל,
אַזוי איז פאַר כאַנין —
די יידישע שול.

נחום כאַנין.

אַדורך-געליטענער,
אַדורך-געליטערטער.
זעקס יאָר — צערייצטע וועלף,
פון ניינצן זעקס —

ביז נײַנצן צוועלף;
אַ פֿאַרשיקטער אין סיביר.
הענט און פֿיס —
געפֿענט אין קייטן.

יעדער גליד —
פֿאַרהאַלט דעם צווייטן...
מדבר־וויסט — — — — — —
זינד פֿון כאַנין — אַ „בונדיסט"...

ער אַרבעט אין „רינג" —
פֿאַרקאַשערט די אַרבל,
אַזוי ווי אַמאָל ביי די היטלען...

ער נעמט אויף באַזוכער —
מיט וואָג פֿון אַ פֿאַטער;
באַזאָרגזאַם,
באַראַטזאַם...
טאַטזאַם...

אַ חבר אין נויט,
אַ טובה אַ פֿריינט;
געהאָלפֿן אַמאָל,
און העלפֿט אויך היינט.

ער לייגט אַרויף פֿריינטלעך
זיין אָרעם אויף יענעם

און זאָגט מיט געמיט:
מיר'ן טאָן וואָס מיר קענען.

נחום כאַנין.

פון די ערשטע צו באַקעמפן —
קאַמונאַלן, כרושטשאָוואַלן...

זיינע ביכער,
זיינע בריוועלעך אין „וועקער",
זיינען וואוילגעפעלן
אונדזער יידיש לאַנד.

נחום כאַנין.

א. לוצקי

אברהם מילער

(סעקרעטאַר־טרעזשורער פון דזשאָינט באָארד
אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן)

ער זיצט אין זיין אָפיס און זעט אוים דערשלאָגן,
מיט זאָרגן.

דער צער פון ישראל,
און ווייזט אויפן הארצן —
דאָרט פארבאָרגן.

אַ מענטש דאַרף לעבן מיט אידייען.
אָן אידייען —
וואָס־זשע קען אים דאָ דערפרייען?

ער נעמט זיך אַרום ביי דער ליידיקער באָרד
און פליסטערט ווייטער:

ביי מיר דער עיקר תוך —
אַ חוץ דעם רעמל.
מיין שטעטל הייסט דובעצקאַ,
נעבן פשעמעל...

— דערמאָנט די סביבה „פשעמעל" —
וואַכט ער אויף
אַזוי ווי פון אַ זיסן דרעמל:

לויט די קניפּן אין די ריפּן,
מיט דעם ציען מיך אַן אויער,
וואָס דער רבי פלעגט מיך ציפּן
מיט אַ פנים מיט אַ זויער —

פון אלדאס גוטס

וואלט איך איצט געמעגט צו הייסן:
ר׳ אברהמ׳צע ראש־ישיבה,
און זיך וויקן אין גמרות
מיט אַ לומדישער מסיבה.

אַ בויער פון דער יוניאָן —
זיך מפקיר פאַר שניידער —
אַן אמת-יידישער טיפּ —

ערשט געווען דאָ מיינס אַ לאַנדסמאַן,
אַ יאָר פערציק נישט געטראָפן,
באַלד דערקענט אים...

גלייך געשיקט אים צו דער אַרבעט,
מיטגעגעבן אַ פּאָר דאָלער,
נישט דער ערשטער, נישט דער לעצטער,
לאָמיר האָפן.

אַ שטאַרקער רעדנער,
אַ גרויסער טוער.
ער העלפט ישראל,
ער שטיצט קולטור.

אברהם מילער.

א. לוצקי

מאַקס גאַפּט

סעקרעטאַר, פּיינטערס יוניאָן לאָקאַל 261,
נאַציאָנאַלער פּאָרזיצער „יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרבאַנד"

גראָד און שלאַנק.
גרויסע גלוסטע לוסטע אויגן.
אַ באַטעמ'טער שמייכל
קוועלט אויף זיינע ליפּן.

פון אַלע סימנים אויף זיין פּנים —
זעט ער אויס צו זיין אַ חכם;
אַ חכם אַפילו צווישן חכמים.

איר רעדט צו גאַפּטן —
הערט ער מיט „קאָפּ".
איר זעט אין זיין הערץ —
ער באַנעמט מיטן „טראָפּ".

גאַפּטס אידעאַל — ליבעראַל:

און אַ „מענטש" בכלל.
הילף וואו מען דאַרף —
נישטאָ ביי אים שווער.
אויב מעגלעך — מער.

פון אלדאס גוטס

דער טרוים פון קולטור —
ביי גאפטן די וואר.
א קינסטלערשע שאפונג
פארלויבט ער ביז גאר.

גאפט איז באלערנד
מיט יידישער תורה.

געלערנט אין ישיבות,
דורכגעגאנגען ש״ס;
מיט תוספות,
מרש״א,
כדבאי וכדת...

גאפט איז פארגאפט
פון לעבן מיט האפט;
די וועלט און דאס לעבן,
סע טוט זיך! סע שאפט!

ער האט ליב גוט.
האלט ער א רעדע —
א גוטע רעדע.

ער שרייבט אן ארטיקל —
א גוט ארטיקל.
זיינס א חבר —
א גוטער חבר.

מאקס גאפט.

א. לוצקי

סאַשאַ זימערמאַן

(מענעדזשער פון דרעסמאַכער יוניאָן, לאָקל 22)

א הויכער א בלאַסער,
מיט בלוי־העלע אויגן.

א דינער, א גראַדער,
און צירלעך דערצויגן.

סאַשאַ — דער פירער —
פון דאַמסקי געזעלן.
פעלקערשע טעכטער —
צערטלעכע זעלן.

נאָדעלע — טאַנצעלע —
פאָדעמלעך גייען...
צאָלענו מערענו —
פלענטי געניייען...

נאַשאַ סאַשאַ.

מען קומט זיך באַקלאָגן —
פאַרנעמט ער געדולדיק.
און זוכט צו געפינען —
ווער עס איז שולדיק.

— איך ווייס די מערכה,
פון זוכן מלאכה,
באַמערקט ער פלייסיק.
אַוועק פון „גראַגער״ —

לינקן לאגער —
ניינצן־דרייסיק...

שרוט צו דער מינוט.
אין קאמף מיט א קעגנער —
נישטא קיין פארלוירן.
ער קאן יענעם פאקן —
דורך נאדעלשע אויערן...

די ארבייטער זאגן:
סאשא — א וואונדער.
ער האלט זיך נישט גרעסער,
ער שטאלצט נישט באזונדער.

ארבעט איז ארבעט,
קולטור איז קולטור.
— פארטראגט איר א קיבעץ?
ענטפערט ער: שור!...

איר גיט א פרעג סאשא'ן:
גמרא געלערנט?
זאגט ער אייך גיך:
איר ווייסט דאך געווים
פון „טאלנער רבי!"
פון דארטן — קום איך...

— נאשא סאשא,
סאשא זימערמאן.

א. לוצקי

יוסף ברעסלאָוו

יוסף ברעסלאו.

אַ ברייטער,
אַ פולער.

אַזוי ווי סע פּאַסט פאַר אַן אַרבעטער פאַטער,
אַ גוטער.

אַ ליכטיקער פּנים,
מונטערע אויגן.

אַ פּרעסערשער רבי...

ביי די אַרבעטער פון „שער און אייזן",
דאַרף דער רבי יוסף ברעסלאו
אַלע גרייזן פון די באַסעס —
זיי באַווייזן.

רבי ברעסלאו — זיצט אין „שטיבל",
אויפצונעמען „חסידים"...
אַ סטוק אין טיר, און קום אַריין.

זיץ!
וואָס האָסטו, ברודער אַרבעטער, צו זאָגן?

פון אלדאס גוטס

— דער פרעסער רעדט,
און ברעסלאו הערט.
דערהערט דער ארבעטער
פון רבי ברעסלאו:

פרעסער, הער!..
דער באָס וועט קריגן זיין באשטראָף,
און צאָלן מער.
ער וועט נאָך קריגן א פראָטעסט,
און אלץ וועט ווערן „אויסגעפרעסט"...

יוסף ברעסלאו.

א דערהויבענער ייד פון אמאָליקער היים.
פון דער חסידישער היים.

ער פירט „א טיש" מיט יוניאָן לייט —
רבנות'דיק,
מיט גרוים באדייט...

לערנט רבי ברעסלאו:

דערווייל איז נאָך נישט כולו טוב...

דעם ארבעטס מענטש —
צום לאנד ישראל —
געטריי ביז גאָר.

יוסף ברעסלאָוו.

א. לוצקי

דוד סאָהן

פאַרוואַלטער פון „ביאַליסטאָקער צענטער"
רעדאַקטאָר „ביאַליסטאָקער שטימע"

שלאַנק,
הויך,
רואיק,
באַדיינקט,
גוט־מוט.

פנים פולער, גאָמבע רונדע, אויגן גרויסע.
אויף זיין מראה —
שוועבט אַ תמימות.
מענטש בנעימות.
אָן תרעימות.
מיט אַ חשיבות.
ערלעך ווי איר זעט אים.

דוד סאָהן.

אַ פאַרטרוילעכער פערזאָן. —
פאַרוואַלטעט אַלטע, „מושב זקנים".

האַלאָ, וואָס מאַכט איר? פריילעכט זיך סאָהן,
און רופט דעם גאַסט צום אויבנאָן.

דוד סאָהן.

קומט אַ חנוכה, אַ פּורים —
פול די זאַל מיט רייך און אָרים,
וואַקסט ער אויס אַזוי ווי אַ טורעם
אויפן פּעדעסטאַל פון סענטער,
אַדערסירט ער: מיר — די — ביאַ־לים־טאָקער!
און זיי אַלעמען געבלענדט ער...

ער שרייבט און דרוקט שוין פערציק יאָר.
אַ מאָל אַ ליד, אַ מאָל הומאָר,
אַמאָל אַ מעשה, אַן ארטיקל,
ווי סע שרייבט זיך, נישט פּאַרטיקל.

כדאַי דאָ דערמאָנען
פּאַר די ביאַליסטאָקער —
שוין געשאַפן מיליאָנען.

ער שעצט אַ פריינט, ער שטיצט קולטור,
עס קומט אים פּאָר —
אויב נישט ער — איז ווער?

דוד סאָהן

דער ערשטער דאָ געבויט אַ לאַנדסמאַן־הויז!

דער ערשטער דאָ געגרינדט אַ לאַנדסמאַן־שריפט!

רעדאַקטאָר פון דער „ביאַליסטאָקער שטימע”!

מאַכט ער שפּאַס אַליין דעריבער:
און איך נעם מיר גאָרנישט איבער.

דוד סאָהן.

א. לוצקי

שניאור זלמן אַש

א פּעסטער, גערזעצטער, געשעצטער, אַ ברייטער,
מיט אייגענער ווירדע באַגלייטער.

א קיילעכדיק פּנים.
קאָליר — ברוין בראַנז.

פּאַעטיש פאַר׳דמיונ׳ט.

בנעימות׳דיק קול, גלאַט, שטיל.

די ווערטער געציילטע, באַדייטע.

א מענטש מיט אַ סדר — איז איידל, געלאַסן,
מיט פירונגס וואָס פּאַסן.

ער לאַנגזאַמט,
באַ׳טעמ׳זאַמט,
פאַרטראַכטזאַמט.

זאָל האָבן דאָס לעבן זיין פרידלעכן דויער,
וואָס לענגער געדויער.
מיט פיינעם געמיט —
אַזוי ווי זיין ליד.

העברעאיש און יידיש,
מיט ביידע צופרידן.
ער שירם׳ט פון „שטורעם״,
פון „בערג״ און פון יידן.

פון אלדאס נוטס

דערזעט ער זיין זמר
געדרוקט מיט זיין נאָמען —
באַטראַכט ער די שורות —
צום אייביק דערמאָנען...

אַריבער דעם ערנסט פון אייביקן „היכל" —
דאָס בראָנזברוינע פנים
קוועלט אויף מיט אַ שמייכל:
די צייטיגע ווײלע —
פאַרמאָגט אויך אַ מעלה;

געניסט מען דערווײלע.

זיין הילף וואו נויטיק —
פאַרגרינגט ער באַשיידן.
מיט פיינקייט און רחבות,
דערפון נישט צו ריידן.

אַ צדיק בסתר,
אַ נדבן באהבה,
כזאת אמו היתה,
וגם הוא כך הוה.

שניאור זלמן אַש.

א. לוצקי

שמחה זאב זאַלצמאַן

א הויכער, שלאַנקער ייִד, אַ ליכטיקער,
מיט אַ איידל לויטער פּנים —
פון אַ לערנען אַ פאַרטראַכטן,
הויך געאַכטן.

לאַנגע אויסגעשטרעקטע פינגער,
אויסגעאיידלטע און זויבער,
פון דעם שאַרנדיקן, שטאַרנדיקן פאַרשן
אויף די ברייטע,
אויף די ווייטע פעלדערדיקע דפ׳ן
פון גמרות.

שמחה זאַלצמאַן —

רעדט מיט אויסגעגבעטע, גוטע
ווייך באַרוטע טענער, פון דער טיפעניש.
ער רעדט פּאַמעלעך, מיט אַ רחבות.

זיינע יושר׳דיקע, עושר׳דיקע פיינע ווערטער
ברענגען לויטערקייטן מיט דערהויבן.

דורכגעגאַנגען ש״ס מיט גרוים התמדה
וויפיל מאָלן.

פון אלדאס נגטם

שפעטער אויפגעקומען די „משכילים".
בלאָנקט ער אום אין „מורה נבוכים".
זעט די וועלט „אין דור ודורשיו".

זעכציג יאָר פון שטעטל טשהאָן,
סטאַראָ־קאָנסטאַנטין, וואָלין.

שמחה זאב זאַלצמאַן.

אַ ייד דאַרף זיין אַ פיינער מענטש —
אַזוי האַלט ער.

אַ ייד אַ משכיל, און אַ חסיד,
אַזוי איז ער.

היינטיק יידיש מיט העברעאיש —
אַזוי וויל ער.

ביי „שמחה׳ן" יידיש — איז אַ שמחה.
„הרצליה" — זיין עליה.
מדינת ישראל —
שטיצט ער גרויסע צאָל...

זיינע בריוועלעך מבינות —
עכטע שרייבערישע בחינות.

שמחה זאב זאַלצמאַן.

א. לוצקי

נח שער

אַ ייד אַ צעקוועלטער,
אַ בליק אַ צעהעלטער,
געמיט — אַ באַזעלטער.

דאָס איז נח שער.

אַ היגער —
אַ ווייטער,
אַ ליבער —
אַ פאַרשייטער,
אַמאָליקער —
באַנייטער.
אַ סוחר —
אַ באַדייטער...

דאָס איז נח שער.

מיט צענדליקער קראָמען —
מיט טרוימען צו שווינגען.
אַ פאַרנעם, אַ באַנעם,
צו קלינגען, צו זינגען.

דאָס איז נח שער.

אַ יוסטער מיט אַ שמייכל,
אַ גלעקעלע געלעכטער.

א ייִדישער אַ עכטער,
אַ ווערטל מיט אַ שכל.

דאָס איז נח שער.

אַ צעטיילער,
אַ צעגיבער,

פֿאַר דערפֿאַר,
פֿאַר דעריבער.

הסתדרות,
סעמינאַר,
נאַציאָנאַל,
און בכלל,

דאָס איז נח שער.

געבוירן אין פּינסק,
געגאַן אין חדר,
געלערנט אין ישיבה,
פֿאַרשטייט העברעאיש,
און רעדט ייִדיש,
און לייענט ייִדיש,
און לעבט ייִדיש.

דאָס איז נח שער.

א. לוצקי

יעפים ישורין

ביבליאגראפער

יעפים ישורין.
אַ לענגלעך פּול געזיכט,
מוראה — ערלעך,

וואַגיק גוף,
מלבושים ענג,
פאַרקנעפּלט שווערלעך.

אַ זעלטענער נאָמען ישורין,
ווי זעלטן זיין טו.

ישורינס שאַף — ביבליאָגראַף,
אָן אַ באַשטעל,
בלויז זיך אַליין — צופרידנשטעל.

ער שטעלט צו אַ זשמעניע צום מויל,
אַ רגע פאַרטראַכט,
דערמאָנט ער :

געבוירן אין ווילנע.
געגאַן אין גימנאַזיע.
געקומען אַהער אין 1907.
אויסגעלערנט יידיש דאָ אין ניו־יאָרק,

פון אלדאס גוטס

באמערקט בחשיבות פלינק:
דריי מאָל פּרעזידענט „ארבעטער רינג״.

יעפּים ישורין.

מיט ווירדע געהיט דעם אידעאל —
„בונד״ סאָציאַל.

געווען דירעקטאָר ליג אימיגראַנט.
געהיט — דעם גאַסט זאָל באַקוועמען אין לאַנד.

געווען אַפּטייקער,
סכנה־געוואויגן...
אַ דראַכמע געהיט,
מיט פאַרזיכט אויגן...

יעפּים ישורין — אַן אייביקער היטער.

ער היט זיין קאָפּ פאַרקאַמט,
ער היט זיין פּנים אָן קנייטש,
ער היט דעם „פאָרווערטס״ געלט,
ער היט זיין ווענד צום מענטש,

ער היט דאָס יידישע וואָרט,
ער היט זיין כתב ווי געדרוקט,
ער היט דאָס געשריפטס פון אמאָל,
ער היט פון אמאָל אַ בראָשור.

א. לוצקי

פינקטלעך און קלאָר;
שוין באַלד פאַראייביקט
די גאַנצע מאָדערנע יידישע ליטעראַטור.

מיט ערנסט געפיל,
שטיל אין פאַרהיל,
צילט ער צום ציל,
אַזוי ווי נישטאָ...

מיטאַמאָל איז ער דאָ!

אַ שרייבער יובליי,

אַ פאָלקס דערפרייי,

חלילה אוי וויי —

אַ שרייבער פאַרגיי...

באַווייזט זיך דעם שרייבערס
נשמה רשימה...
מיט ציכטיקער, וויכטיקער,
ריכטיקער חתימה:

יעפּים ישורין.

מענטש און חיה

פון אלדאָס גוטס

מענטש און חיה — ווער איז מילדער?

פאַרטיליקט אַ טיגער אַ טיגער?
ניין.
פאַרצוקט אַ לעמפּערט אַ לעמפּערט?
ניין.
צערײַסט אַ לייב אַ לייב?
ניין.
טוט דאָס אַ מענטש? — יאָ.

יאָגן זיך צונויף מיליאָנען לייבן,
און טויטן אוים מיליאָנען לייבן?
ניין.

טוען דאָס מענטשן?
יאָ.

מיליאָנען מענטשן יאָגן זיך צוזאַמען,
און טויטן אוים מיליאָנען מענטשן.
אַ פאָלק צעשיסט זיין אייגן פאָלק,
אַ פאָלק פאַרוויסט זיין אייגן לאַנד.

מענטש און חיה.
ווער פון זיי,
די ביידע צוויי,
איז ווילדער?...

ווער פון זיי,
די ביידע צוויי,
דאַרף הייסן מענטש?

א. לוצקי

די טויטע מאַסקיטע...

אַ טייל פון דער וועלט
איז פאַרשקלאַפט צום דיקטאַטאָר...
ער רופט זיך באַפרייער —
זיין טואונג איז מאַטער...

ער זאָגט ער האָט ליבער
אַ מענטש וואָס איז „רויט".
אַ מענטש וואָס איז אַנדערש —
פאַרקלאָגט ער צום טויט...

ער פאַרפאָלגט זיינע הענקער;
זיי האָבן פיינט „רויט"...
זענען אַלע זיך „מודה"
אַבי צו זיין טויט...

און אַלע די הענקער,
די שיסער פון היינט —
זיי ווערן דערשאָסן
פון אַנדערע „פריינט"...

אַ דיקטאַטאָר...
ער הרג'עט און הרג'עט
און הרג'עט אַלץ נאָך.

און וויפיל ער הרג׳עט —
הרג׳עט ער נאָך.

ביז מען פּאַקט אים...

באַווייזט זיך צומאָרגנס
אַ מאַן פון דער סוויטע —
פאַרוויסט מיטאַמאָל
די גאַנצע קאָמיטע...

אַלץ העכער און העכער
באַפעלט דער דיקטאַטאָר:
אָ, וועלט! האַלט מיך טייער!
איך איינער דער מענטשהייטס
דער גרעסטער באַפרייער!
ביז מען פּאַקט אים...

די נאָענטסטע לייט
פון זיין אייגענער סוויטע...
ציען אים אויס
אין זיין גאַנצענער גרויס

דערפרייען זיך אַלע
און לאַכן זיך אויס:
דאָ ליגט דער דיקטאַטאָר —
אַ טויטע מאַסקיטע...

א. לוצקי

אַזוי אָן אַ סוף
אַראָפּ און אַרויף
אין אַלע קאָמונע
סאָוועטישע לענדער —
נאַקעט און בורוועס,
קיין ברויט איז נישטאָ,

נאָכאַנאַנדער...
ווידער אַ נייער „באַפרייער" דיקטאַטאָר;
פייניק און מאַטער...

דערפרייען זיך די מאַסן,
און לאַכן זיך אויס:
דאָ ליגט דער דיקטאַטאָר —
אַ טויטע מאַסקיטע!..

דאָס דאָזיקע ליד וואו עס איז פאָראויסגעזאָגט געוואָרן דער סוף פון סאָוועטישן דיקטאַטאָר סטאַלין, האָט דער באַוואוסטער דיכטער א. לוצקי אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט אין „טאָג" נאָך אין יאָר 1952 פאַר סטאַלינ׳ס טויט.

פון אלדאס גוטס

פאַניע כרושטשאָוו

כרושטשאָוו זשלאָב,
כרושטשאָוו גראָב,
כרושטשאָוו כלאָפּ.

אַ פּרעס פון פּאָס,
אַ זויף פון טאָפּ,
אַ כליופּ אַראָפּ.

ער טאַנצט גאַלאָפּ,
און שפּרינגט האָפּ האָפּ:
„פּאָטער" סטאַלין אַ „סווינִיאַ"!
נאָר געגרויסט זיך: „יאַ, און יאַ!"...

"פּאָטער" סטאַלין אַ "סווינִיאַ"!
גלאָט פאַר גאָרנישט,
— אָן פאַרוואָסן!...

„מיר" אַצינדערט
נאָר מיר שיסן —
ווייל עס טוט אונדז שטאַרק פאַרדריסן!

„מיר", סאָוועטן" — זענען „מענטשן" —
און מיר פּילן — מענטשן „בענטשן"!
מיר — פאַרשטייען מענטשנס ווייען,
און מיר ווילן זיי „דערפרייען"!..

פאַניע כרושטשאָוו וויגט אַ ביקס,
און שיסט אין פאָלק,
ער מאַכט אַ טאָלק...

א. לוצקי

פעלקער ווינען:
גיט אונדז ברויט!
— ברומט ער: ברויט?...
נישטאָ קיין ברויט!

נאַט אייך טויט!
נאָך אַ פּרעס,
און נאָך אַ זויף,
און נאָך אַ פּליאַשקע
טראַסקע אויף.

כרושטשאָוו שיכור:

פּאָטער סטאַלין —
דאַרף מען „כוואַליען!..

מיליאָנען קאָמוניסטן, —
ער אַליין געטון פאַרוויסטן!...

אָבער נישט אינמיסטן...
אָבער נישט אומזיסטן...

קאַרל מאַרקס — קאָמונע קאָפּ...
כרושטשאָוו זשלאָב —
דיקטאַטאָר „פּאָפּ״!..

דאָס איז כרושטשאָוו.
פּאָניע כרושטשאָוו!

פון אלדאָס גוטס

וואַס איז קאָמוניזם?

וואָס איז איז מאַרקסיזם?

וואָס איז לעניניזם?
וואָס איז סטאַליניזם?

זשוקאָוויזם?
בולגאַניזם?
כרושטשאָוויזם?
דאָס איז קאָמוניזם...
וואָס איז קאָמוניזם?
מאָרדיזם,
קויליזם,
שעכטיזם,
שטעכיזם,
טויטיזם.
דאָס איז לינקיזם,
דאָס איז באָלשעוויזם,

דאָס איז קאָמוניזם.

„קינדנעפן" —
דאָס איז קאָמוניזם.

שיסן קאָמוניסטן —
דאָס איז קאָמוניזם.

א. לוצקי

הרג׳ענען יידן —
דאָס איז קאָמוניזם.

אויסראָטן פעלקער —
דאָס איז קאָמוניזם.

פאַרפּייניקן די וועלט —
דאָס איז קאָמוניזם.

אים — טויט.
דעם — טויט,
דער — טויט,
די — טויט,
זיי — טויט,
אַלע — טויט,
טויט אַלע!

דאָס איז קאָמוניזם.

ברוטאַל אידעאַל,
פינאַל אידעאַל,

טאָטאַל אידעאַל,
אידעאַל טויט׳אַל...

טויט — אויבנאָן!

„פּאַטערלאַנד"

ווער האָט פֿאַרטיליגט מער כינעזער?
שונא יאַפּאַן — צי ברידער כינעזער?
— ברידער כינעזער.

כינעזישע ברידער
פֿאַרלענדן מיליאָנען
כינעזישע ברידער.

כינע פירט אַ קריג מיט כינע.
וואו?
אין כינע.

ווער האָט פֿאַרפּייניקט מערער רוסן?
שונא דייטש — צי ברידער רוסן?
ברידער רוסן.

„חברים" רוסן
שיסן מיליאָנען
„חברים" רוסן.

רוסלאַנד פירט אַ קריג מיט רוסלאַנד.
וואו?
אין רוסלאַנד.

א. לוצקי

גריכן פירן קריג מיט גריכן.
וואו?
אין גריכנלאַנד.

טשעכן טויטן טשעכן.

סלאַוון טויטן סלאַוון.

לעטן טויטן לעטן.
גרויסע פעלקער,
קליינע פעלקער,
אַלע שאָס.

אַ פאָלק איז דאָ,
עס האָט אַ לאַנד —
שים!

און אַלע פעלקער שרייען: פאָטערלאַנד!
און אַלע הימנען זינגען: מוטערלאַנד!
און אַלע פאָנען פאָכען: אונדזער לאַנד!

ווער איז פאָטערלאַנד?

— א גרויסער ווייטאָג און א שאנד,
דאָס איז פאָטערלאַנד.

מענטש!
די גאַנצע וועלט איז איין!
יעדער פאָלק אַלצאיין!

אַלע פעלקער — ווייסע, שוואַרצע —
ברוינע, געלע —
וואו זיי לײדן —
איין געשריי — ווי איין געביין!

ווער איז „פאָטערלאַנד״?

אַ שטיין אין פעלד

אַ שטיין אין פעלד — אַ גרויסער פעסימיסט.
אַ שווערער פילאָזאָף.
נישט פאַר זיך — און נישט פאַר יענעם.
נישט פאַר אַלעם — נישט פאַר איינעם.
קיינעם.

זיך אָוועקגעלייגט און ליגט.

איינגעקנאָטן זיך און דריקט.

ליגט אַ הוילער, אָן אַ העמד,
און נישט ער גיט און נישט ער נעמט.

ער נעמט נישט איין קיין ברויזל שניי,

ער טרינקט נישט אוים קיין טראָפּן טוי.
אַזוי.

אַ שטורעם בוכטשעט אים אין פלייצע —
בוכטשע.

אַ רעגן פליאַסקעט אים אין פנים —
פליאַסקע.

א האָגל שפּרינגט אים אויפן שטערן —
שפּרינג.

א שטיין.

נישט באַרוישט אין פרילינג,

נישט אַנטוישט אין האַרבסט.

אלעמאָל אלצאיין.
מיט אלעמען — אליין.

נישט צו בליען, נישט פאַרגיין.
איין מאָל ניין — איז ניין.

שטיין, וואָס טוסטו דאָ ?
— איך רו.

ביז וואַנען וועסטו רוען ?
— ביזן סוף פון אלע שעה׳ען.
שטיין !
טו זיך כאַטש א שאָקל !
כאַטש אמאָל א וואַקל !
—ניין :

אלץ וועט ווערן שטיין —
אין ענדלעכן סך־הכל...

א. לוצקי

א ליד פון אַ זייגערל

צוויי ווייזער זענען געוואָרן שותפים
אין אַ קיילעכדיק געשעפט,
פון צוועלף ציפערן,
מיט אַ שוי־פענסטער פונפאַרנט.

דער לאַנגער שותף — רוט נישט קיין מינוט.
ער האַלט אין איין ציילן, און באַקוקן די סומע:
אַט אַט אַט — אַט האָב איך צען,
טאַקע, טאַקע, באַלד שוין עלף,
טיק און טיק די גאַנצע צוועלף!...
אי, צוועלף!

דער קלענערער, דער פעטערער שותף —
מאַכט זיך ווי ער שלאָפט...
קוקט בגנבה אויפן לאַנגן,
און קריכט אים נאָך, זייער לאַנגזאַם...
ער ציילט די ציפערן מיט פאַרדאַכט...

וואָס יאָגט ער — אַזוי!...

יעדע שעה — האָבן זיי אַ מיטינג . . .

דער לאַנגער — רוקט זיך אַרויף אויפן קלענערן,
און רוימט אים אַריין אַ סוד אין אויער:
געשעפט — גייט גוט!
אָבער איך אַרבעט זייער שווער!...

פון אלדאס גוטס

ווען דער קלענערער ווייזער,
וויל זיך אַריך טאָן, אים עפּעס זאָגן —
פאַרדרייט דער לאַנגער, מיטן קאָפּ
אויף ניין,
און רוקט זי פון אים אַוועק:

נישטאָ וואָס צו הערן!...

אונטערן גרויסן געשעפט —
איז פאַראַן אַ קליין געשעפטעלע...
מיט אַ סוחר׳ל — פאַר זיך אַליין:

אַליין איז די נשמה ריין...

דאָס קליין ענערגיש סוחר׳ל —
איז פינקטלעך צו דער רגע,
און סע דרייט זיך נאָכאַנאַנדער
אַרום זיין פאַרמעגן
און זינגט זיך צו,
טיו, טיו, טיו:

נאָך נאָך נאָך!...

א. לוצקי

— האַלט איך דאָס זייגערל אין האַנט,
און קוק אויף די דריי נאַרישע סוחרים,
וואָס פאַרדרייען זיך די קעפּ,

און די יאָרן,

אָרום — געשעפטן —
וואָס ברייננעגען — גאָר — נישט —
אַריין !...

אַבי מען דרייט זיך !...

הומאָריסטישע
לידער

פון אלדאַם גוטס

יעדער איינער האָט זיין פּעקל...

אין רואיקן רוים...
פון אַ טאַטע ביז אַ מאַמע,
פון א רשע ביז א צדיק,
פון אַ שוואַכן ביז אַ שטאַרקן,
פון אַ פאַלשן ביז אַן עכטן,
פון אַ קבצן ביז אַ רייכן,

יעער איינער האָט זיין פּעקל.

גייט אַרום אַ מענטש צופרידן,
מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן —
קענט איר קיינמאָל גאָרנישט וויסן
זיינע צרות מיט די קניפּן.

יעדער איינער האָט זיין פּעקל.

דער האָט אַסטמאַ, דער האָט נירן,
דער האָט טרייטים, דער האָט צוקער,
דער האָט קאָפּ־ווייַ, דער האָט האַרץ־ווייַ,
דער האָט בלאַדער, דער האָט קריזשעס.

יעדער איינער האָט זיין פּעקל.

א. לוצקי

דער — מוז זיך היטן —
ברויזט ער מיט כוח.
דער — איז אַ קלעזמער —
זשומט אים אין מוח.

דער — איז אַ שרייבער —
קען ער נישט זיצן.
דער — איז אַ בעקער —
טאָר ער ניט שוויצן.

דער — איז אַ „רעסלער" —
ברעכט אים אַ קנאָכן.
דער — איז אַ שטילער —
קריגט ער געבראָכן.

דער — איז אַ קבצן —
וויל ער אַלץ קויפן.
דער — האָט אַ „אַלסער" —
וויל ער אַלץ זויפן.

דער — דאַרף אַ ליבע —
פילט ער אַ טרויער.
דער — האָט אַ ליבע —
פילט ער באַדויער.

דער — האָט און וויל ניש‏ט,
דער — וויל און האָט ניש‏ט,
יעדער איינער האָט זיין פּעקל.

האָט ער נישט קיין אייגן פּעקל —
האָט ער צרות פון זיין אישה.
האָט ער גראָד אַ פיינע אישה —
האָט ער צרות פון די קינדער.

האָט ער נישט קיין אישה,
האָט ער נישט קיין קינדער,
האָט ער נישט קיין שוואָגער,
האָט ער נישט קיין שוויגער,
נישט קיין שוועסטער, נישט קיין ברידער,
נישט קיין פריינט, און נישט קיין שונא,
ער איז איין,
איין אַליין — און מער נישט קיין...

האָט ער שוין אַ פּעקל —
פון אַלץ וואָס ער האָט נישט!...

יעדער איינער האָט זיין פּעקל.

א. לוצקי

אַ מענטש וויל אָן אַ שיעור

וואָס — אַ מענטש — וויל —
וויל ער אָן אַ שיעור.

גלוסטן ווייסן נישט פון מאָס,
גלוסטן פילן „מוז",
אָן אַ שיעור מוז...

אַ ביסל ווייב — ניין,
אַביסל וויין — ניין,
אַביסל זיין — ניין.

מער ווייב — יאָ,
מער וויין — יאָ,
מער זיין — יאָ.

אַביסל געלט — ניין,
אַביסל רום — ניין,
אַביסל מאַכט — ניין.

מער געלט — יאָ,
מער רום — יאָ,
מער מאַכט — יאָ.

דער חשק פון אַ מענטש
איז אָן אַ דנאָ...

אַ איך נאָר פֿאַר זיך . . .

אַ איך,
וואָס זאָרגט נאָר פֿאַר זיך,
באַזאָרגט נאָר זיך,
מיט כּבֿוד פֿאַר זיך,
מיט געלט נאָר פֿאַר זיך,
און אומעטום איך,
און אַלעמאָל איך,
נאָר איך, און נאָר איך...
איז אָט אַזאַ איך,
וואָס תּמיד נאָר זיך,
וואָס נעמט אַלץ פֿאַר זיך —
באַרעכטיקט נאָר זיך,
גערעכטיקט נאָר זיך —
ער טויג נישט פֿאַר מיך,
ער טויג נישט פֿאַר דיך,
ער טויג נישט ...

א. לוצקי

דער קאַרגער

זיצט ער דאָ,
צי זיצט ער דאָרט,
קומט ער דאָ,
צי קומט ער דאָרט —

דער קאַרגער
האָט נאָר איין באַגער:
קאַרגן מער.

ער קאַמצעוועט,
ער קאַבצעוועט,
ער זשעדנעוועט,
ער בידנעוועט,
ער אָרעמעוועט,
ער פלאָגעוועט.
טאָג נאָך טאָג,
און וואָך נאָך וואָך,
צו שפּאָרן נאָך,
צו האָבן נאָך.

נודנע היינט
און נודנע מאָרגן,
נישט געלעבט
און נישט געשטאָרבן.

וואָסער לעבן —
נאָר צו נעמען,
נישט צו געבן.

אייגן לעבן —
אַ פאַרשעמען,
אומבאַקוועמען,
אַ פאַרקלעמען...

אים איז נעבאַך
צום באַדויער,
וויסטער טרויער,
ביטער זויער.

אַ קאַרגער:

ער זאַמלט,
און פֿאַרגינט זיך גישט.
ער רעדט זיך איין —
סע פֿעלט אים נישט...

איצטער, ווען ער דאַרף עס נאָך —
באַהאַלט ער, ווי ער דאַרף עס נישט.
שפּעטער, ווען ער דאַרף עס נישט —
פֿאַרמאָגט ער, און ער נוצט עס נישט.

איצטער קען ער —
וויל ער נישט.
שפּעטער וויל ער —
קען ער נישט.
האָט ער גלוסט —
און לעבט עס נישט,
זוכט ער לוסט —
און האָט עס נישט...
אויף זיין לעבן פֿרעגט מען נישט,
נאָך זיין אָרון גייט מען נישט...

אַ מענטש מיט געלט —
געליטן נויט.
דאָס געלט איז דאָ,
און ער איז טויט.

פון אלדאָס גוטס

אַ ווייב האָסטו?
ניין,
סע קאָסט געלט.

אַ ליבע פירסטו?
ניין,
סע קאָסט געלט.

באַקוועם וואוינסטו?
ניין,
סע קאָסט געלט.

צדקה גיסטו?
ניין,
סע קאָסט געלט.

געלט פאַרמאָגסטו?

אַ סך געלט...

וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ לעבן...

אַז דו רירסט נישט דיין פאַרמעגן —
וואָס זשע דאַרפסטו דיין פאַרמעגן —

אַז דו האָסט נישט פונ׳ם לעבן —
וואָס זשע האָסטו פונ׳ם לעבן...

דו פאַרגינסט זיך נישט צו לעבן —
וואָס זשע טויג דיר וועלן לעבן?...

א. לוצקי

נישט קיין גלייכע פּאָר

זי האָט אים ליב
ווי אויגן ווייטאָק.

ער גייט איר אָן
ווי דער פאַריאָריקער שניי.

אַ הונט — בילט,
און ער — רעדט —
ביי איר אַלצאיינס.

ער פעלט איר אויס
ווי אַ לאָך אין קאָפּ.

זי — איז נישט פאַר אים,
און ער — איז נישט פאַר איר.

זאָגט זי טאָג —
זאָגט ער נאַכט.
זאָגט ער נאַכט —
זאָגט זי טאָג.

נישט קיין גלייכע פּאָר.

שוויגט ער — איז שלעכט,
רעדט ער — איז שלעכט.

פון אלדאס גוטס

ווי זאָגט מען ווי:
מיט אים איז נישט צו שטיין,
מיט אים איז נישט צו גיין.

וואָס טויג אַ סך —
ער טויג נישט.

אפשר טויג ער יאָ —
פאַר אַ שלאַק ווי ער,
אָבער נישט פאַר איר.

זי פינצטערט אָפּ ביי אים אַ לעבן,
פרעג צו וואָס.
מען פאַלט אַריין —
איז שווער אַרויס.

ווען נישט דער „אומגליק" —
קאָן זי קריגן צען פאַר איינעם.

דעם קאָפּ אַ פאַרקעם,
און דרייט זיך אויפן קאָרעק —
גילט זי ווי אַ מיידל.

זי רעדט מיט אַ מאַן,
און וויזט אים איר שמייכל —
רעדט ער אָן שכל...

א. לוצקי

זי האָפט נאָך צו גאָט
פון אים זיך באַפרייען.

ווי זאָגט מען ווי:
אַ קניפּ אין באַק
די פאַרב זאָל שטיין.

זי וויל נישט ברענגען
צו לייטיש געלעכטער.

דער סוף וועט זיין:
אין אַ שיינעם פרימאָרגן
פאַרלאָזט זי די הויז —

און לאָזט זיך אַוועק
וואו דער פעפער וואַקסט.

דערציילט אַ ייד פון גאַליציע:

עס קלינגט ווי אַ וויצע,
נאָר איך בין אַליין פון פּוילן גאַליצע.

און טאָמער נאָך קנאַפּע?

האָב איך אַ ווייבכען, אַ שענהייט אַ לייבכען,
ווי אויך מיינס אַ קינדע,
אַז ווי מיר און ווינדע,
איך זע נישט, איך הער נישט פון זיי ביז אַצינדע.

איז דאַכט זיך געגוג שוין!

ווייס איך אַ יידן, וואָס קומט פון גאַליצע,
ענטלאָפן פון „היטלער",
אַריין אין דער שווייצע,

געווען דאָרט אַ מאָנאַט —
געהאַנדלט מיט ווייצע.

און וואָס איז די שפּיצע?

איך טרעף אָן דעם איצע,
און קלאַפּ אים אין פּלייצע:
וואָס מאַכט איר, ראַב איצע?

א. לוצקי

טראַכט איך מיר, איצע,
אַן עלענדער איצע,
באַגעגענען איצע,
פאַרברייננען מיט איצע.

נעמט ער זיך בלאָזן,
דער גרויסהאַלטער איצע,
מיט שטאָלצע צערייצע:

וואָס קלאַפּט איר מיין פּלייצע!

נישט מײַנע קלאַסע!...
באַזונדערע ראַסע!...

איך האַנדל מיט בייצע!
איך דאַרף נישט קיין אײַצע!
איך האָב נישט מער איצע!
איך האָב „מיסטער שפּיצע"!
און דאָס איז אין ערנסט —
און גאַרניכט קיין וויצע!...

איר — זענט גאַליצע,
און איך — בין די שווייצע!...

מיסטער פיליפ רעדט „טעאטער"

מיסטער פיליפ — גרוי און בויכיק,
מיט אַ שטימע — גראָב און כוח'יק,
רעדט פון „גליקן" לאַנג אַנטרינען,
וואָס מען קען שוין נישט געפינען:

זיכער שוין אַ יאָרן פופציק,
אויסצורעדן אָפנהערציק.

דאָן, אַ יונג, געזונט קאַנהאָרע,
מיט אַ מויד — אַ יעיצער האָרע.

נעמסט איר אויסעט אין טעאַטער —
איז דאָס טאָקע אַ טעאַטער.

לאָמיר זאָגן „די מוזינקע",
אָדער „טוצי מיט דער שמינקע".

היינט, די פּיעסע, „זשוואָווע תּאווה"!
היינט, די פּיעסע, „אָדם חוה"!

דער אָרקעסטער — אַ קאָמאַנדע —
גיט אַ זעץ דער באַראַבאַנדע.

פּילסט אַ דונער מיט אַ קראַכן!
בליאַסקע טאַצן צאַראַכאַכן!

א. לוצקי

אונ דיין ליבע זשערעבערבע —
בויגט זיך דיר אַזוי ווי אַ ווערבע.

היינט, איר שמייכל!
היינט, איר לאַכן!
מיטן בוזעם אַ ראַזמאַכן!..

דאַמאָלס וויסטו, ס'איז אַ לעבן,
מיט אַ צילן, מיט אַ שטרעבן...

טאַקע זאָגט מען אַ טעאַטער,
מיט אַ חשק, מיט אַ פלאַטער...

פּופּציק יאָרן אָבער שפּעטער!
ברודערקע, אַן אַנדער וועטער!...

וואָס מיר שפּילן? וואָס מיר צילן?
היינט נישטאָ שוין די געפילן!

אָדער זיץ און כאַפּ אַ דרעמל,
אָדער זען „טעלעוויזי".
אָט אַזוי אָ, אויף דער עלטער,
לעבט מען אָפּ אַ לעבן „ביזי"...

אַ מאָל וועט זיין

אַ מענטש האָט אָפּגעלעבט טויזנט יאָר,
און וויל לעבן נאָך —
לעבט ער נאָך.

ווי אַזוי ?
אַזוי.

אין הימל איז דאָ אַ שפּיטאָל,
הייסט ער „לעבן".

פלאַטערט אַרויף דער פּאַרשוין צום הימל
און ער זאָגט וואָס ער וויל :

איך וויל לעבן נאָך.

רעדט מען נישט דאָרט דאָס צווייטע וואָרט,
און מען גיט אים אַ טאַבלעט.

שלינגט ער איין דעם טאַבלעט,
פאַרשרייבט זיין נאָמען אין אַ כמאַרע
און פאַרשווינדט פון שפּיטאָל
אויף טויזנט יאָר.

א. לוצקי

אָפּגעלעבט די צוויי טויזנט יאָר —
דער מענטש וויל לעבן נאָך.

פלאַטערט ער ווידער אַרויף צום הימל
און ער זאָגט וואָס ער וויל:

איך האָב ליב לעבן,
איך האָב פיינט שטאַרבן,
איך וויל לעבן נאָך.

אַזוי ווי ער באַווייזט זיך —
באַווייזט זיך זיין נאָמען . . .

גיט מען אים ווידער אַ טאַבלעט צום לעבן,
נעמט ער איין דעם טאַבלעט,
און פאַרשווינדט ווידער אויף טויזנט יאָר.

אָפּגעלעבט דעם דריטן טויזנט יאָר —
פליט ער ווידער אַרויף צום הימל
און ער זאָגט וואָס ער וויל:

איך וויל ניט שטאַרבן.
איך פיל מיר אַזוי ווי ניי געבוירן,
און איך וויל ערשט אָנהויבן צו לעבן.

פון אלדאָס גוטס

פרעגט מען אים: פעטער,
איר ווילט לעבן אייביק?
ענטפערט ער: יאָ; איך וויל לעבן אייביק.

זאָגט מען אים: ניין,
נישטאָ קיין אייביק,
פילייכט אין דער צוקונפט.

און ער שטאַרבט דאָרט אויפן אָרט.

דריי טויזנט יאָר און איינס —
אַלציינס . . .

א. לוצקי

אָן א „זי״...

דער, וואָס האָט נישט —
האָפט צו קריגן,
ווייל ער דאַרף.

דער, וואָס דאַרף נישט —
דאַרף נישט האָפן,
ווייל ער דאַרף נישט.

איינער אָן אַ זי,
און זוכט נישט —
דרימלט ער...

איינער זוכט אַ זי,
און קריגט נישט —
ווימלט ער.
שוויבלט ער...

ערשטע לידער

ווייל איך לאַך איך...

ווען איך טראַכט אַריין אין לעבן —
זע איך, אַלץ איז רויך און ווינט.
דורות זענען דאַ געווען,
וואו זשע זענען זיי אַצינד? . . .

וועל איך האָבן אַ פאַרמעגן,
און מיין שם זאָל ווערן גרויס,
וואו זשע דאַרף איך דאָס אינגאַנצן,
אַז סע קומט אַ טאָג — און אויס . .

„טאָגעבלאַט", 1917. געשריבן מיט מיין נאָמען אהרן צוקער.

א. לוצקי

יונגע

לעבן פוסט די יאָרן אויס.
אַנדערש וועלן זיי שוין לעבן —
ווען זיי וועלן ווערן גרויס.

גייט אַ צייט זיך שטיל פאַריבער,
און די יונגע ווערן גרויס.
און די „יונגע" ווי די אַלטע
לעבן פוסט די יאָרן אויס.

פלוצים

פלוצים ווערט מיר אַזוי ליכטיק,
אויפגעפליגלט פאַר די אויגן,
ווי איך וואָלט פון טיפע טאָלן
אין דער הויך זיך אויפגעהויבן.

ווי עס וואָלטן פון מיין לעבן
אַלע קייטן זיך צעפאַלן,
ווי עס פילן אַרעסטאַנטן
ווען די טויערן צעפראַלן . . .

ווי עס וואָלטן אַלע זאָרגן
אָפּגעשוואָומען פון זכרון, —
און דאָס לעבן שיינט מיר ווידער
ווי אַמאָל אין יענע יאָרן . . .

„פרייע אַרבעטער שטימע", 1917—אָדער 1918.

א טאָג

פיר און צוואַנציק שעה
און אַ טאָג איז פאַרביי,
ווידערהאָלט ער זיך
תמיד פון דאָס ניי.

ברענגט עס איינעם ווײ,
און אַ צווייטן פרייד.
קען איך נישט פאַרשטיין,
ווי אַזוי דאָס גייט.

דער סאַמע סוף

וואָס דו ענדיגסט נישט אין לעבן
קומט דער טויט און ענדיקט דאָס.
טויט פאַרמאָגט פאַר אַלע מענטשן —
איין באַלוינוּנג און איין מאָס.

אין דעם לעבן איז פאַראַנען;
רייך און אָרים, קליין און גרויס.
וואָס דאָס לעבן אונטערשיידעט —
קומט דער טויט און גלייכט עס אויס.

„פרייע ארבעטער שטימע"
1917 — אדער 1918

א. לוצקי

ס'קען נאָך ערגער זיין...

ס'איז דאָס לעבן וויסט,
פינצטער אָן אַ שיין;
דאָך הער איך אַ שטים:
עס קען נאָך ערגער זיין.

איינער בלינד און שטום
זעט ער נישט די וועלט,
קען ער נישט זאָגאַר
זאָגן וואָס אים פעלט.

איינער צאַנקט אין פיין,
ערגעץ אין אַ בעט,
קלאָגט ער מיט געוויין
קלאָגט ער מיט געבעט.

ס'קען נאָך ערגער זיין,
ערגער האָט קיין שיעור.
שטילער, שטילער, קינד,
זאָגט דאָס האַרץ אין מיר.

„פאָרווערטס", זונטיק, יוני 24, 1917

פון אלדאס גוטס

נאַכט...

איך זע אַ פייערל פון ווייטן
ווינקט צו מיר און רופט.
ווי סע וואָלט אַליין געהאַנגען
דאָרטן אין דער לופט...

טראָגט אַ באַן זיך דורך אין ערגעץ,
הער איך דעם גערויש.
הילכט אָפּ ביי מיר אין אויער
ווי פון וואַלד אַ רויש.

איינזאַם קוקן אויס די ביימער,
אַזוי עלנט טיף.
דאַכט זיך מיר, אַז אויך די ביימער
האָבן אַ באַגריף.

הער אַ שעפּטשעריי פון מענטשן,
קומט און ווערט פאַרשטילט.
שעפּטשעט ווייטער, און בלייבט ענדלעך
אין דער נאַכט פאַרהילט.

קומט אַ פרוי מיר אַן אַקעגן,
און זי גייט אַוועק,
בלייב איך שטיין אַליין פאַר׳סוד׳עט
אין איר סודות׳דיקן וועג...

„פאָרווערטס״, זונטיק, אויגוסט 26, 1917.

א. לוצקי

ווינטער קומט

ווינטער, ווינטער, גייט דאַ ווערן,
יאָ, איך פיל זיין קאַלטן גאַנג. —
וואָס זשע קוועלט עס אין מיין האַרצן?
וואָס זשע פרייט זיך מיין געדאַנק?

וועט אַ דיקער שניי באַדעקן
אַלע הייזער, און דעם וואַלד —
וואָס זשע בין איך אַזוי גערן,
אַז עס זאָל שוין קומען באַלד!

וועט אַ פראָסט די באַקן פרירן,
וועט פון קוימענס גיין אַ רויך,
וואָס זשע אַרט עס מיך צו פילן
אַזוי מונטער, אַזוי הויך! . . .

וועלן אויטאָס פריי זיך טראָגן,
און פאַרקלינגען מיט קוראַזש,
וואָס זשע פרייט עס מיך ביז טרערן,
אַז עס פאַרכאַפּט מיין אָטעם אַזש! . . .

„פאָרווערטס, זונטיק, 9טער סעפּטעמבער, 1917.

פון אלדאָס נוטס

אפשר

אפשר האָב איך גאָר אַ טעות
ייאָס איך מיין אַז מיר איז שלעכט.
אפשר בין איך אומגערעכט? . . .

אפשר, אפשר בין איך נאַריש
וואָס איך שאַץ נישט אָפּ די ווערט
וואָס איך לעב גאָר אויף דער ערד? . . .

אויף איין אָרט

מיר דוכט אַז דער מענטש
גייט קיינמאָל פאָרויס.
ער דרייט זיך אַרום
זיין אייגענער גרויס.

שטאַרק איז זיין ווײ,
און שוואַך איז דאָס וואָרט.
דרייט זיך און דרייט זיך
און שטייט אויף איין אָרט.

דרייט זיך און דרייט זיך
און קומט נישט צום ציל.
פונקט ווי עס דרייט זיך
אַ ראָד פון אַ מיל.

„פאָרווערטס״, זונטיק, אָקטאָבער 7, 1917

א. לוצקי

דוכט זיך מיר

דוכט זיך מיר; עס איז דאָס לעבן
פאַר די מענטשן אַ געיעג:
יעדער איינער וויל דעם צווייטן
איבעריאָגן אויף דעם וועג.

יעדער האָט אַ ציל אין לעבן,
יעדער יאָגט זיך צו זיין גליק;
און עס דוכט זיך מיר: אַלע קומען,
נאָר איך איינער בלייב צוריק . . .

„פאָרווערטס", זונטיק 22טן אויגוסט, 1.91

פאַר א געוויסן ציל

יעדער איינער קומט אין לעבן
פאַר אַ גרויסן, גרויסן ציל.
און עס טראָגט דעם ציל אַ יעדער,
טיף אין האַרצן אין דער שטיל.

יעדער איינער בענקט נאָך עפּעס,
און דעם עפּעס ווייסט מען ניט. —
ווי אַ קייט דאָס אומבאַשטימטע,
דורך די אייביקייטן ציט . . .

„פאָרווערטס", זונטיק, אָקטאָבער 1917

ווער?

ווער באַוועגט און רודערט אויף
טאָג און נאַכט דעם ים?
ווער באַלעבט, און ציט אַרויס
שפּראָצונגען פון שטאַם?

און פאַרוואָס פאַרבענקט זיך אונדז
אין זון אונטערגאַנג?
וואָס אַזעלכעס וויל דער מענטש,
וואָס איז זיין פאַרלאַנג?

און וואו איז די ענדע ציל
פון דעם גאַנצן זיין?
ווען די ערד די פינסטערע
שלינגט אונדז ענדלעד איין.

יאָ, דאָס אַלעס איז שוין אַלט,
פאַר מיר אָבער — ניי!
אַפילו בלויז דאָס אַלץ צו פרעגן —
לעבן איז כדאַי . . .

„פאָרווערטס“, זונטיק, 4טן נאָוועמבער, 1917.

א. לוצקי

פונקט אזוי

פונקט ווי כוואַליעס אַנגעלאָפן
רוישיקע אין ים;
ווי עס זעצט אַרויס מיט אימפעט
פון אַ רויך אַ פלאַם;

ווי די פייערדיקע שטראַלן
פלאַקערן פאַרנאַכט;
ווי די וועלט אין שווייגן ציטערט
ווען אַ דונער קראַכט.

פונקט אַזוי פאַרכאַפּט, דערשיטערט,
שטיין איך און איך פלאַם,
ווען פון יוגנט מיין זכרון
עפנט אויף זיין ים . . .

„פאַרווערטס", זונטיק, נאָוועמבער 18, 1917.

פון אלדאס גוטס

געלט

1

ערגעץ איז פאַראַן אַ קוואַל
שפּייט ער נאָר, מיט געלט;
קומען די מטבעה׳לעך
אין דער גאַנצער וועלט.

זיי קומען אָן פאַרשיידענע,
און גליטשן זיך פון האַנט,
שווימען ווידער נייע צו,
אַזוי אַ, דורכאַנאַנד . . .

2

צוויי פּענעס

איינע שיינט און גלאַנצט ווי גאָלד,
שמייכל איך אין איר געזיכט;
דאַכט זיך מיר, פון איר געזיכט
לויכט אַרויס אַ וועלט מיט ליכט.

און די צווייטע פּעני, — אַלט,
אויסגעמאַטערט שוין פון וועג;
ווי להבדל ס׳איז אַ מענטש
אין די שפּעטערדיקע טעג . . .

„פאָרווערטס״, זונטיק דעם 3טן מערץ, 1918.

א. לוצקי

באַפֿאַלט מיר אַ פּחד

טײלמאָל באַפֿאַלט מיר אַ פּחד,
אַזוי ווי געיאָגט פֿון אַ ווינט,
און הויכט אַן מײַן וועזן מיט אומעט,
אַזוי ווי אַ וואָיען פֿון הינט . . .

ס׳איז אַלץ אויף דער וועלט — צום פֿאַרגעסן . . .
עס לויערט אויף מיר אַ באַגריף.
אַזוי ווי מען פּילט ביי אַ ברונען,
קוקנדיק טיף אין זײַן טיף . . .

עס דאַכט זיך, ס׳איז אַלץ אַ לעגענדע,
דאָס לעבן, און דאָס וואָס איך זוך . . .
ס׳איז אַלעס אַ דאַכט זיך, אַ חלום,
אַזוי ווי אַ טרוים אין אַ בוך . . .

„פֿאָרווערטס", זונטיק, אַפּריל 28, 1918.

שיר השירים און קהלת

איינער זאָגט עס איז אין לעבן
לעבן נאָר דער ציל,
און דער צווייטער קלוג באַדויערט:
בלויז אַ קינדער שפּיל.

איינער פּינזעלט אויס דאָס לעבן
צויבער רייך און גרויס,
און דער צווייטער שטיל פאַרטרויערט:
עס איז פאַרבן בלויז.

איינער זינגט אַ שיר השירים
פון אַ לעבן שיין,
און דער צווייטער זאָגט קהלת
פון אַ אונטערגיין.

שווימען אָפּ דערווייל די יאָרן,
גראָען זיך די האָר.
שיר השירים צי קהלת —
ווייס איך נישט אויף קלאָר.

„פאָרווערטס"

א. לוצקי

נו, וואָס וועט זיין?

בייטאָג, ביינאַכט,
ביי טיי, ביי וויין,
עס מאַטערט מיך:
נו, וואָס וועט זיין?

אַ גיי, אַ דריי,
אַרויס, אַריין,
פאַרלוירענער!
נו, וואָס וועט זיין?

איך קוק זיך אָן
אין שפּיגל שיין,
און שטוין און פרעג:
נו, וואָס וועט זיין?

די צייט פאַרגייט
און שלינגט דיך איין,
דו וועסט נישט זיין —
נו, וואָס וועט זיין?

אַ גרוס פון דער וועלט

זוכט נישט דאָ און זוכט ינשט דאָרט,
אומעטום דאָס זעלבן אָרט.

מענטש אין שטאָט, מענטש אין פעלד,
אַלע בענקען אויף דער וועלט.

יעדער פּאָרל האָט אַ הויז,
קומט פון צוויי אַ דריט אַרויס.
נאָר אַ טיר האָט יעדע הויז,
טראָגט מען איינציקווייס אַרויס.

פעלד פאַר פי,
און שטאָט פאַר מענטש . . .

זאָגט מיר וואו ס'איז פריילעך —
דאָרטן וויל איך וואוינען.

„פאָרווערטס”, זונטיק, 1918.

א. לוצקי

לעבן איז כדאַי

וועלט, פרוי, און טרוימעריי,
זענען ווערטן דריי,
וואָס צוליב נאָר זיי אַליין
לעבן איז כדאַי.

זאָגט אייך, קלוגע, וואָס איר ווילט,
אַז די וועלט איז אַלט —
זומער וואַרעמט נאָך די זון,
ווינטער איז נאָך קאַלט.

און מען ווערט נאָך אַלץ אַנטציקט
פון אַ שיינער פרוי.
און מען ווייסט נאָך נישט דעם זין
וואָס עס ציט אַזוי . . .

און מען ווייסט נאָך אַלץ נישט ווער
האָט די וועלט געמאַכט.
ווער צינדט אָן די שטערנדלעך
ווען עס קומט די נאַכט.

סאַר אַ יום־טוב שפּיגלט זיך
אין דעם בעכער גלאַנץ;
וואָס פאַר אַ געהיימע קראַפט
ציט אונדז צו אַ טאַנץ . . .

ווי די קריטיק

האָט זיך אָפּגערופֿן

אויף א. לוצקי׳ס שאַפֿונגען

א. לוצקי

דערקלערונג

צוליב דעם וואס א. לוצקי פלעגט דארפן אליין ארומגיין פארקויפן זיינע ביכער צו די לייענער, פלעגט ער אריינגעבן אין זיינע ביכער די גוטע מיינונגען פון די קריטיקער און אפילו פון באריםטע פערזענלעכקייטן וועגן אים, כדי מיט זיי צו פלעפן דעם לייענער צו ווערן קויפן זיין בוך.

אויך אין איצטיקן בוך האט ער דאס געטאן און נאך אין א גרעסערער מאס, דערוואַרטנדיק צו דארפן — אויף די עלטערע יארן — אליין ארומצוגיין פארקויפן זיין בוך. דאס איז, פאר־שטענדלעך, די דערקלערונג וועגן דעם.

דערפאר איז באשלאסן געווארן אריינצונעמען אלץ וואס ער אליין האט אריינגעגעבן אין דרוק און וואס איז שוין סייווי געווען אויפגעזעצט אין בליי. מיין ארבעט, ביים ארויסגעבן דאס בוך פון דרוק, איז דערפאר באשטאנען אין אראנזשירן דעם מאטעריאל פון בוך, צו געבן דעם בוך א פלאן און א סדר. דאס איינציקע וואס איז צוגעגעבן געווארן איז די לוצקי ביב־ליאגראפיע, צונויפגעשטעלט פון יעפים ישורין.

אהרן קארלין

ביבליאָגראַפיע

ווי די קריטיקער האָבן זיך אָפּגערופן
אויף די שאַפונגען פון א. לוצקי

בעל־מחשבות, 1921, אין אַ בריוו פון בערלין צום י. ל. פרץ שרייבער פאַראיין, געדרוקט אין די יידישע צייטונגען נ.י., אַ גרוס דעם נייעם וואונדערבאַרן פּאָעט א. לוצקי, וועמען איך לייען נישט בלויז, נאָר איך שטודיר.

א. ח. העללער, „די פעדער״, נ.י., 1921.
לוצקי איז געקומען מיט „אַ פעדימל״, מיט אַן „אָפּגעברענט שוועבעלע״, און האָט פאַר אונדז, מעשה מכשף, געשאַפן אַ לעבעדיק טויטע וועלט.

ב. י. ביאַליסטאָצקי, „ביים פייער״, פילאַדעלפיע, 1921.
א. לוצקי ווייזט אַרויס אין זיין ווערק אַן אָריגינעלן הומאָר.

ש. ניגער, „טאָג״, נ.י., אויגוסט 1921.
עס איז פשוט אַ זינד צו דרוקן לוצקיס לידער. אַ שאָד דאָס פּאַפּיר וואָס ער שרייבט דאַרויף. ער ווייזט אונדז גאָרנישט, אַ חוץ קונצן . . .
איז דער טעמפּל פון יידישער פּאָעזיע געוואָרן אַ צירק?

מאָריס ווינטשעווסקי, „פאָרווערטס״, נ.י., 1921.
איך בין באַרייט אָוועקצוגעבן אַ חלק פון מיין חלק לעולם הבא, אַ כוס פון מיין חלק יין המשומר, אַ שטיק פון חלק לויתן, מען זאָל מיר דערקלערן דעם מיין פון א. לוצקי׳ס לידער: „אַ מענטשעלע — אַ קעסטעלע״, „פאַרוואָס בין איך אַזוי?״, „באַנען״.

משה גראָס, „קריטיק״, ווין־עסטרייך, 1921. — — אַנדערש איז די שרייענדיקייט פון א. לוצקי׳ס לידער מיט זיין חנ׳עוודיקן שטיפעריש טאָן, מיט זיין גראָטעסקן הומאָר.

ב. ווייניג, „קריטיק״, ווין־עסטרייך, 1921. מיר באַטראַכטן א. לוצקי׳ן פאַר דעם ערשטן דיכטער ביי אונדז, וואָס פאַרמאָגט אין זיך פוטוריסטישע עלעמענטן. א. לוצקי איז די כאַראַקטע־ריסטישסטע דערשיינונג אין אונדזער קונסט.

משה אָלגין, אויגוסט 1923, נ.י. לוצקי איז איינער פון די ווייניקע, וואָס קאָנען זיך שפּילן מיט זייער שפּראַך. ווען לוצקי פאַרבינדט זיין טאַנץ־ריטם מיט מאלערישער בילדלעכקייט, ווערט גאָר יום־טוב׳דיק אויפן האַרצן.
וואַסער, ווינט, באַנען, רעגן, פייער, טאַנץ, קלעזמער, זון־שיין — אַלצדינג וואָס ריר זיך, צינדט זיך, איילט, רוישט, פליט, פלאַמט, קלינגט, — איז ביי לוצקי׳ן מאַטעריאַל. איבער דעם אַלעם שוועבט דער גרויסער פאַנטעאיזם.

ס—ס [ב. וולאַדעק], „דער וועקער״, נ.י., 1922.
א. לוצקי פאַרמאָגט אַ פרישע בילדלעכקייט וואָס צווינגט אייך אים צו לעזן, און אין אים צו זיין פאַראינטערעסירט.

משה אָלגין, 1923, נ.י.
א. לוצקי איז מוזיק. וואָס ער זאָל ניט שרייבן — זינגט עס, ניין, עס טאַנצט, ניין, עס פלאַטערט מיט אַ ריטמישן פליגל־שוואונג.

ב. גראבארד, „פרייע אַרבעטער שטימע״, נ.י., יאַנואַר 1923.

לוצקיס אַלע לידער זענען אַזוי גלוסטיק און פריידיק, ווייל זיי זענען אַזוי האָפענונגסלאָז טראַגיש אין עצם.

ב. גראָבאַרד, „פרייע אַרבעטער שטימע‟, יאַנואַר 1923.
לוצקי איז דער אינטערעסאַנטסטער, דער מאָדערנסטער דיכטער אין אַמעריקע, סיי אין פאָרמע, און סיי אין אינהאַלט.

ש. ניגער, „טאָג‟, נ.י., 1923.
א. לוצקי׳ס אימפּראָוויזאַציעס זענען שאַרף, געשליפן, און קול־טיווירט.

הלל ראָגאָף, „פאָרווערטס‟, נ.י., 1923.
מיר באַטראַכטן לוצקי׳ס פּאָעמען אַלס מייסטערווערק פון כאַ־ראַקטער מאַלעריי און פּאָעזיע, מיר האָבן געפילט אַ טעם גן־עדן לעזנדיק.

ב. ריווקין, „יידישע וועלט‟, פילאַדעלפיע.
א. לוצקי איז פאַר זיין ליד אַ גאַנצע טרופּע אַקטיאָרן, מיט אַן אָרקעסטער דערצו. ער איז דער אמת׳ער פּאָעט פון אונדזער היינטיקן יידישן דור. א. לוצקי איז ביי אונדז בלויז איינער.

ב. גראָבאַרד, „פרייע אַרב. שטימע‟, יאַנואַר 1923, נ.י. לוצקי איז דער אינטערעסאַנטסטער, דער מאָדערנסטער דיכטער אין אַמעריקע, סיי אין פאָרמע און סיי אין אינהאַלט.
דער ריטם און די ווערטער זענען צוגעפּאַסט צום אינהאַלט, ווי אין אַלע לוצקי׳ס לידער.

א. לוצקי

ד״ר מוקדוני, „מאָרגן־זשורנאַל״, נ. י., 1923.
א. לוצקי דערהויבט זיך מיטן כח פון וואָרט, מיטן שם המפורש פון דער דיכטונג, צו אַן איבערראַשנדיקער הויך.

דער לעבעדיקער, „קונדס״, נ. י., 1924.
לוצקי איז אַ דיכטער, אַ הומאָריסט, אַ פילאָזאָף. ווען איך וואָלט געהאַלטן ביי טיילן קרוינען און זאַלבן פּאָעטן, וואָלט איך געזאַלבט א. לוצקי אַלס דעם רעזשיסאָר אין דער יידישער פּאָעזיע. זיין יעדע ליד איז חוץ גערדיכטעט אויך רעזשיסירט.

ב. צ. גאָלדבערג, „טאָג״.
א. לוצקי איז דער אַמעריקאַנישסטער דיכטער ביי אונדז.
ער איז אַמעריקאַניש אין טאָן, אין צמצום, אין **געוואַגטקייט**, אין אָריגינאַליטעט.
לוצקי איז אַזוי ניי אַמעריקאַניש יידיש — ווי וואָלט וויטמאַן איז געווען אַמעריקאַניש ענגליש.
אַ פאַרגעניגן צו לייענען לוצקיס גוטע לידער.

פּראָפעסאָר ג. זעליקאָוויץ, „טאָגעבלאַט״, 1925, נ. י.
איך בין מודה אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך געפין אין אַ ראַדיקאַלן יידישן זשורנאַל אַזאַ גייסטיקן פּערל ווי א. לוצקי׳ס פּאָעמע אין „צוקונפט״, „דעם רבינס הויז זאָגט תורה״ געווידמעט דעם באַרימטן פּאָעט אברהם רייזען.

ש. ניגער, „טאָג״, נ. י., 1926.
אַפילו אַן אַלטער געדאַנק — קלינגט ביי לוצקי׳ן ניי.

„יעדער אַראָפּ איז טרויעריק". איז עס דען נישט אַלט?
אָבער עס איז ניי געזאָגט.

אברהם רייזען, „פעדער", 1927.
שוין מיט זיין ערשטע „באַנען" וועלכע באַצייכנט דעם איבער־ברוך אין זיין שאַפן, האָט לוצקי זיך אַרויסגעוויזן אַלס נייער וואונדערלעכער דיכטער, ווי בעל־מחשבות האָט איס אין אַ בריוו צום י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין — מיט רעכט אָנגערופן.

יוסף מאַרגאָשעס, „טאָג".
א. לוצקי׳ס בוך „פאַרטרעטן" האָט מיך געהאַלטן אַזוי גע־שפּאַנט — אַז איך האָב עס געמוזט אינגאַנצן ענדיקן אין איין זיץ.

ד"ר א. אייסען זשורנאַל „שיקאַגאָ", 1933
א. לוצקי׳ס לידער דאַרף מען לערנען, ווי מען לערנט אַ בלאַט גמרא, מיט אַלע מפרשים.

ש. ניגער „טאָג" זונטיק 12טער מערץ, 1939.
לוצקי איז דער מייסטער פון יידישן וואָרט...

מרדכי יאַפּע אין זיין בוך „רינגען אין דער קייט", נ.י., 1939.
עפּעס איז פאַראַנען אין לוצקי פון קבלה, חסידות, שפּינאָזע, העגל, איינשטיין, אויף אַ לוצקי־שטייגער.
עפּעס איז פאַראַנען אין דעם דיכטער לוצקי אומבאַגרייפלעכעס, וואָס מיר ווייסן נישט דעם סוד און קענען ניט פאַרשטיין!

א. לוצקי

אַזאַ קראַפט איז שוין דאָ אין זיי.

אברהם רייזען אין זשורנאַל „די פעדער״
זין און שפּיל, שפּיל און זין — אָט דאָס איז דער תּוך פון לוצקי׳ס לידער.
אַפילו די קעגנער פון פּאָעזיע — האָבן ליב לוצקי׳ס לידער, אַ נייער זשאַנר אין דער יידישער פּאָעזיע און אפשר אויך אין דער וועלט־פּאָעזיע.

זלמן שניאור, „פאָרווערטס״, שבת, מאַי 15, 1943.
לוצקי שרייבט קיינמאָל נישט מיט אַלטע ווערטער.
זיינע ווערטער זענען אָנגעזאַפּט מיט יידישן הומאָר.
וואו איר מישט אויף — בלאַנקט לוצקיס ריטמישער וואָרט.
לוצקיס אַ ליד איז שווער איבערצוהיפּן.
לוצקיס לידער איז פּאָעזיע, פילאָסאָפיע, טעאַטער, טעלעוויזיע, און מואווי צוזאַמען.

משה עלבוים, „מאָרגן־זשורנאַל״.
לוצקיס לידער בעטן זיך ממש מען זאָל זיי רעציטירן, און זיי ווערן רעציטירט איבער גאָר דער וועלט.

ד. ניימאַרק, „פאָרווערטס״, דעטרויט, מיש., 1947.
א. לוצקיס לידער וועלן אייביק לעבן.
לוצקי איז אויך אַ גרויסער אַרטיסט, ער באַצויבערט דעם עולם מיט זיין מימיק, און מיט שטימען פון אַלערליי מענטשן.

פון אלראַס נוטס

מרדכי ראַנציס, „טאָג״, 1948.
א. לוצקי דערגרייכט די וואונדערלעכסטע פּאַטעטישע עפעקטן מיט די איינפאַכסטע מיטלען.

ש. טענענבוים „פרייע אַרבעטער שטימע״ 13טער אויגוסט 1948.
אין לוצקיס פּאָעזיע איז פאַראַן אַ גרויס מיטגעפיל צו דער וועלט און אַלע אירע באַשעפעניש.

א. לעיעלעס, „טאָג״, שבת, אַפּריל 10, 1948.
א. לוצקי האָט אויך אין זיינע „פּאָרטרעטן״ אַרויסגעוויזן אַ חוש אויפצוכאַפּן טרעפלעך וועלט און מענטש.
ער איז אָן אַ ספק אַן אָריגינעלע דערשיינונג אין אונדזער ליי־טעראַטור.

ב. י. גאָלדשטיין אין „טאָג״.
אַ גרויסער פאַרגעניגן צו זען און הערן לוצקי׳ן אימפּראָוויזירן. זיינע אייגענע שאַפונגען.

יעקב ראָדאַק „אידישער זשורנאַל״, טאָראָנטאָ קאַנאַדע.
לוצקיס וואָרט לויכט אויף ווי אַ בליץ פול מיט זיס אומעטיקן מיסטישן געפיל.

ד״ר א. מוקדוני „מאָרגען זשורנאַל״ זונטיק, יוני 20, 1948 נ. י.
א. לוצקי׳ס אַ בוך איז גאַנגבאַר, ווייל ער איז זער לעזבאַר.

יעקב גלאַטשטיין, „יידישער קעמפער״, 1948.
לוצקיס רייפע לידער אין זיין נייעסטן בוך, זענען פאַרטיפטע לידער, וואָס האָבן אין זיך סיווי אַלע לוצקי׳ס אַמאָליקע חנ׳ען.

א. לוצקי

